"Anyone who at present visits and inspects the shops in the two industries under the jurisdiction of the Joint Board of Sanitary Control is agreeably surprised by *their splendid sanitary condition and the* great change which has been wrought in the matter of sanitation of the industries during the period of five years. Not many years ago the cloak and suit and dress and waist shops were considered a menace to the health of the workers and a danger to public health. Homework was prevalent; sweatshop work was the order of the day; cellar shops abounded; foot-power was used almost universally; masses of the shops were located on the East Side in dingy, dark and dreary tenements or old style loft buildings. The sanitary care, comforts and cleanliness of the shops were entirely neglected, and the health of the workers greatly suffered from the conditions under which they were working.

"At present there are only a dozen or more shops which belong in Class 'D'; no homework is to be found in the industry; the sweatshops have been abolished; foot-power is in disuse; cellar shops have disappeared; the majority of the shops are located in the so-called "Fifth Avenue District," in light, airy and comfortable buildings; the sanitary care, comforts and cleanliness of the shops have improved a hundredfold, and the gain in health of the workers has been considerable."

Another practical activity of great value *is the fire protection work. On this the* report says:

"Much stress has been laid by the Joint Board of Sanitary Control since the beginning of its organization upon the work of fire prevention and safeguarding of the workers against the dangers of panics and fires in shops.

"Immediately after the general inspection of the industry in January and February, 1911, and before the occurrence of the Wolf and Asch Building fires during that fateful winter, the board presented to the municipal authorities a list of buildings in which unsafe conditions were found by its inspectors and the attention of these authorities was drawn to the fire dangers in these buildings.

"Since its organization the Joint Board of Sanitary Control has paid the greatest attention and has made strenuous efforts to combat the indifference of the public to the important problem of industrial fire protection and has worked hand in hand with the various authorities in the efforts for the safety of buildings and for the *prevention of the results of panics and fires.*

"The inspectors of the Joint Board of Sanitary Control were directed to discover the defects in buildings which would make them unsafe in case of fires, to the inadequacy of various exits, to the improper placing of fire escapes and drop ladders, to the abolition of fire trap exits, to widening the aisles in shops and to the increase in the various protective measures against fires in buildings.

"The Joint Board of Sanitary Control was instrumental in the passing by the State Legislature of the bill creating the New York State Factory Investigating Commission and the appointment of the Director of the Board as Director of Investigation by the State Factory Commission.

"Since 1911 there has hardly been a movement in the state and city having in view the safeguarding of workers which had not the active participation of the Joint Board of Sanitary Control or its members.

"When the New York State Legislature passed the fire drill provision, imposing the duty upon the owners of shops to conduct fire drills in their shops at monthly intervals, the Joint Board of Sanitary Control did not wait for the municipal and state departments to enter into the movement, *but organized a fire drill division* with a force of fire drill instructors and drill masters, and has succeeded in inducing the manufacturers of 322 shops to conduct and maintain monthly fire drills.

"While this law is practically a dead letter outside of our industries and while there are hardly 100 fire drills conducted throughout the whole city in other indus-

tries, the fire drill law is obeyed in at least 400 factories belonging to our industries.

"The work of the fire drill division consists of monthly fire prevention inspection; initial instruction of employees as to exit and escape; monthly fire drills."

### MEDICAL ACTIVITIES

The following extracts from the fifth annual report on the work of the medical division of the Joint Board of Sanitary Control are extremely interesting:

"Early in 1912 the board decided that the sanitation of the industry could not be carried on successfully without an endeavor to improve the health of the workers at the same time. In order to find out the health conditions among the workers in the trade, a preliminary examination of 800 workers was made in 1912 which disclosed the prevalence of physical defects and a greater evidence of pulmonary tuberculosis than should be expected in the industry.

"Since that time an agitation has been strenuously carried on among the various locals belonging to the International Ladies' Garment Workers' Union to establish physical examination of workers, to induce the various locals to adopt some means by which sick members could be assisted and to devise a scheme by which members of the unions suffering from tuberculosis could be taken out from their shops and assisted to recover their health and be properly treated during a certain stage of their disease.

"In March, 1913, the Cloak Pressers' Union, Local 35, having a membership of over 8,000, was the first to adopt a tuberculosis benefit which consisted in taxing members of the union $1 annually and assisting each member suffering from tuberculosis with $150 to $200 for the cost of a sojourn of from ten to twenty weeks at a sanitarium in the Catskill Mountains.

"Since that time, Local 9, consisting of 12,000 tailors and finishers, and Local 23, consisting of 7,000 skirtmakers, have also adopted a tuberculosis benefit.

"In 1914 Local 35 also adopted a sick benefit, paying $5 a week for ten weeks to members of the union suffering from some acute disease.

**"The examination of all members of the union and the supervision and control of the various tuberculosis and sick benefits in the locals is vested in the medical division of the Joint Board of Sanitary Control.**

### THE SCOPE AND FUNCTIONS OF THE MEDICAL DIVISION

Physical examination of any member of the unions.

Examination of candidates for admission to Locals 35, 9 and 23.

Supervision of sick benefit of Local 35.

Supervision of tuberculosis benefit of Locals 35, 9 and 23.

Supervision and control of tuberculous members of Locals 35, 9 and 23.

Special dental examinations and advice.

Special eye refraction examinations and advice.

Special lung and chest examinations.

Fluoroscopic and radiographic examinations of lung and chest.

During the present year the work of the medical division has been greatly extended, and not only are a large number of medical examinations made in the office but advice is given by the physicians of the board to all workers who come for examination.

The offices of the board have been greatly extended, complete modern diagnostic instruments have been installed, a thorough examination is made by the physicians of the board, including special fluoroscopic and radiographic examinations. The board also employs a dentist, an oculist, and a lung specialist for special examinations in these branches.

During the summer of 1914 the United States Public Health Service conducted over 3,000 physical examinations in conjunction with the medical division of the board.

### WORK DONE

| | 1912 | 1913 | 1914 | 1915 |
|---|---|---|---|---|
| Persons examined.. | 800 | 1234 | 4547 | 3807* |
| Persons found suffering from tuberculosis ......... | 13 | 71 | 93 | 43 |
| Sick benefits of Local 35 examined..... | — | — | 226 | 647 |
| Tuberculous members of Locals 35, 9 and 23 examined and supervised... | — | — | — | 22 |

Note: *1915 to October 1.

### FIRST AID AND NURSING SERVICE

During 1915 the Industrial Board of the State Labor Department has established a rule that "in every factory employing more than ten persons, in which power-driven machinery is used for manufacturing, there shall be provided a first aid kit at all times free of expense to employees," and should also employ a physician or nurse to instruct workers in the use of the first aid equipment.

In order to enable the manufacturers under the jurisdiction of the Joint Board of Sanitary Control to comply with these rules and regulations a first aid box specially adapted for the needle trades has been devised and five hundred of these boxes were manufactured and filled and sold at cost price to the manufacturers in the industries.

The Dress and Waist Manufacturers' Association has also consented to pay for the service of a trained nurse who is appointed by the Joint Board of Sanitary Control and supplied and supervised by the Nurses' Settlement of 265 Henry street. The nurse makes monthly visits to the shops, instructs responsible employees in the use of the first aid box and its contents, makes a general inspection of the health conditions of the women workers and gives such advice to them as is necessary from time to time.

### FINANCIAL SUPPORT

The cost of the work of the Joint Board of Sanitary Control as far as the sanitary, fire prevention and educational activities are concerned, is $15,000 per annum. This sum is contributed as follows:

| | |
|---|---|
| Cloak, Suit and Skirt Manufacturers' Protective Association | $5,000 |
| Joint Board of the Cloak and Skirt Makers' Unions | 5,000 |
| Dress and Waist Manufacturers' Association | 2,500 |
| Ladies' Waist & Dressmakers' Union | 2,500 |

### THE FIRE DRILL DIVISION

The fire drill division has a separate budget which is contributed by those manufacturers who engage the fire drill service of the board. The service is co-operative, and the manufacturers are charged for the service according to the cost. During 1914 the charges for conducting and maintaining fire drills were from $18 to $30 per shop per year. At present the cost has been reduced to from $12 to $18. In December, 1914, a rebate of 10 per cent. was paid to the manufacturers participating in the fire drill service and a further reduction of 10 per cent. is being made to all participants in the service in 1915.

The budget of the fire drill division is about $4,500.

### THE MEDICAL DIVISION

The medical division is supported by the members of Locals 35, 9 and 23 of the International Ladies' Garment Workers' Union. The budget of this division is about $3,600.

---

The Bulletin just published by the board on "Fire Hazards" says:

New York City and the Borough of Manhattan especially are unique in that their industries are housed in multiple loft buildings.

The industries and industrial population are extremely congested in the city and especially in a district bounded by Houston and Forty-second Streets, Third and Eighth Avenues.

There are said to be at least 16,000 multiple loft buildings in Manhattan Borough alone. Most of these buildings are over six stories in height.

Two ready-to-wear-women's-garment-industries are concentrated in the loft zone in Manhattan in 2,391 shops, located in 928 buildings.

These 928 buildings are on an average seven stories in height. There are 374 buildings from six to twelve stories in height and 195 buildings twelve stories and over in height.

There are daily at work in the described loft zone at least a million men and women.

In the two industries, viz., the Cloak, Suit and Skirt and Dress and Waist there were working during October 1915 in the 2,391 shops in the 928 buildings, 75,023 men and women.

The safety of the workers against fire hazards in the loft buildings depends largely upon the construction and the equipment of the factories.



דער

# לײדיס גארמענט װארקער

יאנואר

1916

## אינהאלט:

עדיטאריעל: פאסירונגען און איבער־זיכטען. — אבקלאנגען פון קאנווענשאן אין סאן פראנציסקא.

מיין ערשטער מאנאט אין הויזענערטאלאפאס —אב. באראף.

די ארבייטער באוועגונג אין יאפאן —ב. סוזוקי.

ווי מען געמבעלט אין שוויים און בלום —א. ראזבורי.

50 טויזענד לוין־שקלאפען פון וועלכע מאר־גאן שארט מיליאנען—עמאנועל דזשוליוס.

די „גרענט קאסטערס" יוניאן און איהר סיסטעם פון דיוס — דזשייקאב ראקלען.

ענדערען זיך די סיזאנס אין קלאוק־טרייד?

און אנדערע אינטערעסאנטע ארטיקלען.

אפיציעלער ארגאן פון דער
אינ. לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן
32 יוניאן סקווער, ניו יארק.

# דער לײדיעס גארמענט װארקער

נומער 1 — יאנואר, 1916 — 7טער יאהרגאנג


## פלענער און אויסזיכטען פאר 1916.

אונזער יוניאן פאנגט אן דעם יאהר 1916 מיט גוטע אויסזיכטען. צוליעב דער ערפאהרונג וואס איז געוואונען געווארען אין 1915, וועלען די פלענער, וואס ווערען איצט פערפערטיגט פאר וויכטיגע אונטערנעהמונגען, זיכער געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

דער פערגאנגענער יאהר איז געווען א יאהר פון אנגעשטריינגטע טהעטיגקייט איבער א ברייטען פעלד. אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן האט דורכגעמאכט איינע פון די שווערסטע צייטען אין איהר היסטאריע. עס זיינען איהר אקעגען געשטאנען מעכטיגע שונאים, וואס האבען אויף איהר געלויערט און געטראשעט איהר לעבען און עקזיסטענץ, אבער זי האט זיך בראוו און אהן מורא געשטעלט געגען זיי. די געוואונענע זיגע און צוריקגעשטויסענע אטאקעס זיינען אזוי פריש אין אלעמענס זכרון, אז עס איז ניט נויטיג צו דערמאהנען די איינצעלהייטען. טראץ שלעכטע עקאנאמישע אומשטענדען, וועלכע עס איז געווען אונמעגליך צו קאנטראלירען, האט די אינטערנעשאנעל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן געהעכערט איהר פרעסטיזש איבער'ן גאנצען לאנד.

* * *

**אומשטענדען וואס מען קען ניט קאנטראלירען**

אינ'ם לעצטען פאלל־סיזאן איז אין קלאוק טרייד ניט געווען אזוי פיעל ארבייט ווי מען האט ערווארטעט. צוליעב די נייע סטיילס פון „פלאש און פאר טרימינגס" און „פליינע סקירטס" האבען די אפערייטארס און פינישערס געהאט ווענינ ארבייט. די מאנופעקטשורערס האבען דאבי פראפיטירט, ווייל עס איז איינגעשפארט געווארען ארבייט, אבער פאר די ארבייטער איז דאס נאטירליך קיין מעלה ניט געווען.

עס פערשטעהט זיך, אז דעם סטייל־פאקטאר קען די יוניאן ניט קאנטראלירען. אין אזעלכע אומשטענדען, וואו עס איז פאראן א קלענערע פאדערונג אויף ארבייט, איז דער מאנופעקטשורער מעהר איינגע'עקשנ'ט און ווייניגער נאכגיביג. אפילו דער בעסטער אגרימענט אין אונזער אינדוסטרי מוז אויסלאזען א סך פונקטען. געוויסע זאכען מוזען איבערגעלאזען ווערען צו דעם „גוד פייטה" (געגענזייטיגען צוטרויען) פון ביידע צדדים. ווען עס איז א בלענענדיגער סיזאן, שטייגט דער ארבייטס־פרייז, און אזא קאלעקטיווער אגרימענט ווי אונזערער קען ברענגען זעהר גוטע רעזולטאטען. אבער ווייבאלד דער סיזאן איז א שוואכער און מען פאדערט ווייניגער ארבייטער, מוזען די ארבייטער זיך צופריעדענשטעלען מיט אנהאלטען זייערע בעדינגונגען. אין דער מאדערנער אינדוסטרי, וועלכע איז בעגרינדעט אויף קאנקורענץ, איז דיעזער פאקטאר אן אונבעשטרייטענדער און אלע טרייד־יוניאנס מוזען זיך רעכענען מיט זיין ווירקונג. אין דיעזער הינזיכט איז גלייכער, אז מיר זאלען ניט בסדר טראכטען וועגען דער טויטער פערגאנגענהייט, נור בעסער רעכענען זיך מיט דער געגענווארט און פארבערייטען זיך פאר דער צוקונפט.

עס איז אבער קיין ראיה ניט, אז ווייל עס איז פאר דעם פאלל־סיזאן ניט געווען גענוג צייט ארויסצוברינגען אין לעבען די נייע סטענדארדס פאר די אפערייטארס און פינישערס, דערפאר קען מען ניט זעהן, אז זיי זאלען דורכגעפיהרט ווערען אין די נעכסטע סיזאנס. ווען מען וועט אנהויבען סעטלען פרייזען (און מען

# Directory of Local Unions [Continued]

| Local Union | | Office Address |
|---|---|---|
| 53. | Philadelphia, Pa., Cloak Cutters | 525 Mifflin St., Philadelphia, Pa. |
| 54. | Chicago Raincoat Makers | 1145 Blue Island Ave., Chicago, Ill. |
| 56. | Boston Cloakmakers | 31 N. Russell St., Boston, Mass. |
| 58. | *New York Waist Buttonhole Makers* | *106 Forsyth St., New York City* |
| 59. | Chicago Waist Makers | 1815 W. Division St., Chicago, Ill. |
| 60. | Chicago White Goods and Kimono Workers | 1815 W. Division St., Chicago, Ill. |
| 61. | Montreal, Canada, Cloak and Skirt Pressers | 37 Prince Arthur E., Montreal, Canada |
| 62. | New York White Goods Workers | 35 E. Second St., New York City |
| 63. | Cincinnati Cloakmakers | 122 W. 5th St., Cincinnati, Ohio |
| 64. | New York Buttonhole Makers | 57 W. 21st St., New York City |
| 65. | Brooklyn Ladies' Tailors | 45 Graham Ave., Brooklyn, N. Y. |
| 66. | New York Bonnaz Embroiderers | 25 3rd Ave., New York City |
| 67. | Toledo Cloakmakers | 222 Beacon St., Toledo, Ohio |
| 69. | Philadelphia Cloak Finishers | 39 N. 10th St., Philadelphia, Pa. |
| 70. | Toronto Skirt and Dressmakers | 423 Sackville St., Toronto, Canada |
| 71. | Chicago Ladies' Tailors | 1447 S. Spaulding Ave., Chicago, Ill. |
| 73. | Boston Amalgamated Cutters | 8 Lovering St., Boston, Mass. |
| 75. | Worcester, Mass., Cloakmakers | 9 Beach St., Worcester, Mass. |
| 76. | Toledo Cloak and Suit Cutters | 615 Main St., Toledo, Ohio |
| 78. | St. Louis Cloak Operators | Fraternal Bldg., 11th and Franklin Aves. |
| 80. | Bridgeport Ladies' Tailors | 67 Olive St., Bridgeport, Conn. |
| 81. | Chicago Cloak and Suit Cutters | 1531 W. 14th St., Chicago, Ill. |
| 83. | Toronto, Canada, Cutters | 131 Dundas St., Toronto, Canada |
| 85. | Cincinnati Skirtmakers | 2897 W. 6th St., Cincinnati, Ohio |
| 90. | Buffalo Garment Workers | 73 William St., Buffalo, N. Y. |
| 92. | *Toronto, Canada, Cloak Pressers* | 71 Nassau St., Toronto, Canada |
| 98. | Cincinnati Skirt Pressers | 417 David St., Cincinnati, Ohio |
| 99. | Pittsburg Ladies' Tailors | 211 Amity St., Homestead, Pa. |
| 101. | Richmond Ladies' Tailors | 411A N. Smith St., Richmond, Va. |
| 102. | Montreal, Canada, Raincoat Makers | 20 St. Cecile St., Montreal, Canada |
| 105. | St. Louis Ladies' Tailors | Fraternal Bldg., 11th and Franklin Aves. |
| 106. | Stockton, Cal., Ladies' Tailors | 507 E. Miner Ave., Stockton, Cal. |
| 108. | Ladies' Neckwear Cutters | 390 Park Ave., Brooklyn, N. Y. |
| 110. | Omaha, Neb., Ladies' Tailors | 2609 N. 15th St., Omaha, Neb. |
| 111. | Cleveland Raincoat Makers | 3611 Burwell Ave., Cleveland, Ohio |
| 112. | Montreal, Canada, Ladies' Waist Makers | 147 Colonial Ave., Montreal, Canada |
| 113. | Newark Waist and White Goods Workers | 118 Market St., Newark, N. J. |
| 114. | Raincoat Makers of St. Louis | Fraternal Bldg., St. Louis, Mo. |


BOOT & SHOE WORKERS UNION
UNION STAMP
Factory

**Named shoes are frequently made in Non-Union factories**

**DO NOT BUY ANY SHOE**

**no matter what its name, unless it bears a plain and readable impression of this UNION STAMP**

**All shoes without the UNION STAMP are always Non-Union**

**Do not accept any excuse for absence of the UNION STAMP**

**BOOT AND SHOE WORKERS' UNION**

**246 Summer Street, Boston, Mass.**

*JOHN F. TOBIN, Pres.* *CHAS. L. BAINE, Sec.-Treas.*

אינדוסטרי. די טענדענץ פון דער מאדערנער אינדוסטרי איז, אז זי ווערט קאנצענטרירט אין אלץ גרעסערע פאבריקען. אבער אין אונזער אינדוסטרי ווערען די באסעס געטריבען, פון זייער יאגען זיך נאך פראפיטען, און פון זייער פערלאנג אויסצומיידען יוניאן־קאנדיציאנען, צו פערמעהרען די צאהל פון קאנטראקטארס און סוב־מאנופעקטשורערס. די דאזיגע באסעס זייגען מייסטענס „וואנדער פויגעל" — זיי טומען פון איין ארט אויף א צווייטען אום זיך אויסצובעהאלטען פון דער יוניאן — און זוכען אריינצוברייגנען אין טרייד דאס שוויץ־סיסטעם פון 30 יאהר צוריק. ווען ניט די אונאויפהערליכע טהעטיגקייט פון אונזער יוניאן און די אויפגעקלעהרטע עפענטליכע מיינונג, וואלט די פערמעהרונג פון סוב־מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס צוריק געבראכט די שרעקליכע ארבייטס־קאנדיציאנען פון אמאליגע צייטען.

ווייל, מערקט אייך וואס פאר א שייכות די פערשפרייטונג פון סוב־מאנופעקטשורינג האט צו אונזער ענין. אונטער די פעראָרדנונגען פון פראטאקאל, איז אייגגעפיהרט געווארען א פערמאנענטער סיסטעם פון בעשטימטע פרייזען — די ארבייטער פון יעדען שאפ בעריינגען זיך מיט'ן באס אויף די פרייזען פאר שטיק־ארבייט. אבער אזוי ווי סוב־מאנופעקטשורערס האלטען אין איין טומען און טרייען זיך ארויסצודרעהען פון דער יוניאן, קען דער מאנופעקטשורער, וואס האלט זיי אויף, צונישט מאכען דעם צוועק פון פראטאקאל און בריינגען דערצו, אז דאס דינגען זיך איבער פרייזען זאל דעם ארבייטער קיינע נוצען בריינגען.

עס איז איצט פשוט געווארען מעגליך, אז מאנופעקטשורערס, וואס זיינען מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן, זאלען האבען יוניאן־שעפער אין ניו יארק און ניט־יוניאן שעפער אונטער אנדערע נעמען אויסען שטאדט, אין ניו דזשוירזי אדער ערגיץ אנדערש. און דיזע באסעס שרעקען אב די ארבייטער ביים דינגען זיך וועגען פרייזען. וויבאלד די ארבייטער שטעלען זיך איין פאר יושר'דיגע פרייזען, כדי צו קענען א לעבען מאכען, סטראשעט דער באס, אז ער וועט די ארבייט ארויסשיקען. אין א סך פעלע ווערט די ארבייט ווירקליך ארויסגעשיקט און ווערט געמאכט פון ניט־יוניאן ארבייטער פאר נידריגע שכירות. און די טהעטיגע און לאיאלע מעמבערס פון דער יוניאן געהען אום לעדיג, אדער ווערען פערבייטען אויף שטילענקע ארבייטער וואס קענען ניט פראטעסטירען.

* * *

דער פראטאקאל מוז רעווידירט ווערן

פאר דער וועלט הייסט עס בלומר'שט, אז די לאגע פון די ארבייטער איז פערבעסערט געווארען, אבער אין דער ווירקליכקייט זיינען די דורכשניטליכע פערדיענסטען געבליבען געזונקען. דער קריזיס, וואס די מלחמה האט פעראורזאכט, האט געגעבען אט דיזען סארט באס די בעסטע געלעגענהייט. נו, איז די פראגע: קענען די ארבייטער בלייבען גלייכגילטיג און צוזעהן ווי מען רייסט ביי זיי אוועק ביסלעכווייז די פרוכט פון זייער ארבייט?

אין די 3 יאהר זינט עס איז געסעטעלט געווארען דער סטרייק פון יאנואר 1913, איז די וויסט־אינדוסטרי אהן צווייפעל רייכער געווארען, און, אזוי ווי די לעבענס־מיטלען זיינען געשטיגען, זיינען די ארבייטער געווארען ארימער. די יוניאן ווינשט אנצוהאלטען דעם פריעדען וואס איז דאן געשלאסען געווארען און וויל די פריעדליכע בעציהונגען נאך מעהר בעפעסטיגען. אבער דאס קען נור זיין דאן, ווען דער פראטאקאל וועט רעווידירט ווערען לויט די געענדערטע אומשטענדען. מען טאר ניט ערלויבען, אז אן אינדוסטרי, וואס מאכט ביזנעס אויף 50 מיליאן דאלאר א יאהר, זאל בליהען דערפון וואס זי פערהונגערט אדער פערמאטערט איהרע ארבייטער.

די בעאמטע און מעמבערס פון לאקאל 25 זיינען לאגיש און אויסגערעכענט דערמיט, וואס זיי פערהאנדלען איצט די פראגע פון שטעלען פאדערונגען. מיר דיינקען, אז די מאנופעקטשורערס וועלען אויפנעהמען די פארשלעגע, וואס וועלען פאר זיי פארגעלעגט ווערען ביי די קאנפערענצען, און מיר גלויבען, אז מען וועט געפינען א וועג ווי צו פערבעסערען די ארבייטס־בעדינגונגען און איינשטעלען די בעציהונגען צווישען די בעלי בתים און ארבייטער אויף א פראקטישען, פערנינפטיגען באזיס.

* * *

א וואונדערבארע ערזשיבישאן ביי די פילאדעלפיער וויסט מאכער

זייט ביי זייט מיט דער בעוועגונג אין ניו יארק, געהט אן אן ערפאלגרייכע בעוועגונג צווישען די „וויסט, טילק מיט און טשילדרען דרעסמייקערס" אין פילאדעלפיא. און אלע — סיי די פיהרער, סיי די מעמבערס —

הויבט שוין אן מאכען פרייזען אין א סך שעפער), איז די פפליכט פון די שטיק־ארבייטער אויפצופאסען, אז די בעדונגענע סטענדארדס פון 70 סענט א שטונדע פאר אפערייטארס און 50 סענט פאר פינישערס זאלען אונבעדינגט געצאהלט ווערען. און עס איז די פפליכט פון אלע מעמבערס צו פערלאנגען יעדען רעכט און יעדע פריוויליגיע וואס דער אגרימענט פערשפרעכט.

* * *

די סיטואציאן אין דער וויסט אינדוסטרי

פון דעם יאהר 1910 אן, זיינען די ארבייטער אין וויסט און דרעס אינדוסטרי קיינמאל ניט געווען אזוי ערוואכט צו זייערע אינטערעסען ווי אין דעם איצטיגען מאמענט. איידער דער יאהר 1916 וועט מאכען אן איינדרוק אויף אונזער צייט, וועלען די וויסט און דרעסמאכער אין ניו יארק, פילאדעלפיא, באסטאן און נוארק שוין האבען בייגעטראגען א וויכטיגען קאפיטעל צו דער היסטאריע פון דער ארגאניזאציאן אין דער פרויען־קליידער אינדוסטרי.

דריי יאהר זיינען פערלאפען זייט די וויסט אינדוסטרי אין ניו יארק איז געשטעלט געווארען אויף א פונדאמענט פון שליכטען סכסוכים אויף א פריעדליכען אופן. די יוניאן האט געפיהרט א שטארקען ארגאניזאציאנס־קעמפיין אין 1912 און עס איז איהר געלונגען צו איבערציינגען די איינפלוסרייכע מאנופעקטשורערס אין דער אינדוסטרי, אז דערמיט וואס זיי וועלען איינפיהרען א געוויסע מאס אינדוסטריעלע דעמאקראטי, דאס הייסט, ווען די ארבייטער וועלען האבען א דעה בנוגע צו זייער ארבייט און קענען קאלעקטיוו דינגען זיך וועגען פרייזען, וועט עס ברייגען נוצען פאר ביידע צדדים. נאטירליך, האט דאס געמיינט, אז ביידע, מאנופעקטשורערס און ארבייטער, וועלען מוזען זיין ארגאניזירט. און מאנכע מאנופעקטשורערס האבען ווירקליך געפרופט איינצופיהרען ארדענונג און פערנינפטיגע האנדלונג אין די שעפער. פריהער האבען באסעס געהאנדעלט לויט אייגענעם ווילען; די שעפער זיינען געווען אין א לעבענס־געפעהרליכען צושטאנד; עס האט געהערשט די גרעסטע אונארדענונג בנוגע צו ארבייטס־פרייזען. איצט האט געדארפט איינטרעטען א נייע ארדענונג.

עס האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזען, אז דער פראטאקאל, וואס איז געווען די טהעאריע, לויט וועלכע די נייע ארדענונג האט געדארפט געפיהרט ווערען, איז, אין וויכטיגע הינזיכטען, ניט אבגעהיט געווארען. פיעלע מאנופעקטשורערס האבען הפנים ניט גע'חלומ'ט וועגען העלפען דעם נייעם פלאן דורכפיהרען אין לעבען. דיעזער סארט באס איז געווען געוועהנט צו קעמפפען אויף שריט און טריט געגען בעסערע בעדינגונגען פאר די ארבייטער. איצט איז דיעזער באס געווארען א מיטגליעד פון אן אסאסיאיישאן, וועלכע האט זיך פערפפליכטעט צו ארבייטען געמיינשאפטליך מיט דער יוניאן, אום צו בעזייטיגען שעדליכע קאנקורענץ אין טרייד און ערהויבען די ארבייטער, ווייל דאס רוב ארבייטער פון טרייד (84 פראצענט פרויען) פלעגען בעקומען א הונגער־לוין און ווערען מיאוס בעהאנדעלט פון באסעס און פארלייט. אלזא, אין טהעאריע איז דיעזער באס געווען א מעמבער אין דער אסאסיאיישאן, אבער אין פראקטיקע האט ער געהאנדעלט געגען דער יוניאן און געגען דער אסאסיאיישאן, און ווען מען האט עס אויסגעפונען, האט ער פערלאזען די אסאסיאיישאן און געווארען אן אינדעפענדענט מאנופעקטשורער.

* * *

עס ענטשטעהען אונגעריכטע איבלען

זאגאר פיעלע איינפלוסרייכע מאנופעקטשורערס, וואס אין טהעאריע האבען זיי געגלויבט אז עס דארף הערשען פאלשטענדיגע ארגאניזאציאן און קאאפעראציאן, אין טרייד—וואו נור עס איז געקומען צו פראקטיקע, האבען זיי, ווי ווייט מעגליך, געשטערט דער יוניאן צו ברייגנען די ארבייטער אונטער קאנטראלע און פריוויליגע דיסציפלין. זיי האבען ערמוטיגט די ניט־יוניאן ארבייטער און ניט דורכגעפיהרט דעם פונקט וועגען „פרעפערענס" פאר די מעמבערס פון דער יוניאן. אונארגאניזירטע ארבייטער זיינען אלזא די גאנצע צייט געשטאנען אין קאנקורענץ מיט די ארגאניזירטע ארבייטער, און די פראגע איז נאך איצט אויך ניט פערענטפערט געווארען.

דערווייל האט דאס יאגען זיך נאך פראפיטען בעשאפען א רייה איבלען, וועלכע מען האט ניט פאראויסגעזעהן, בשעת מען האט פערפאסט דעם פראטאקאל. אין פערלויף פון די לעצטע 3 יאהר זיינען אויסגעוואקסען אין וויסט־טרייד, פונקט ווי אין קלאוק־טרייד, „דזשאבערס", קאנטראקטארס און סוב־מאנופעקטשורערס ווי שוועמלאך. מיר האבען שוין פיעלע מאל געזאגט, אז דאס איז ווי א נגע צרעת אויף דער

טערס' גלייכגילטיגקייט האט זיי קיין טובה ניט געטהאן. בלויז די באסעס האבען דערפון בענעפיטירט אויף די ארבייטערס' חשבון.

עס פרעהט אונז, אז די וויסט־מאכער פון באסטאן הויבען אן בעגרייפען, אז זיי נויטיגען זיך איצט אין א שטארקע ארגאניזאציאן. אנשטאט צו זיין אונצופריעדען מיט דער יוניאן, האבען זיי איצט דערפיהלט אז זיי דארפען זיין אונצופריעדען מיט די שלעכטע ארבייטס־בעדינגונגען, און אז זיי ליידען דערפאר, וואס עס פעהלט זיי די מאכט פון ארגאניזאציאן.

עס פעהלט די וויסט־מאכערינס פון באסטאן דער נייסט פון אייניגקייט, וועלכע בעשאפט ארגאניזירטע מאכט. אזוי גיך ווי זיי וועלען בעקומען אט דיעזע מאכט וועלען די באסעס אנהויבען קוקען אויף זיי מיט אכטונג און וועלען זיי געבען בעסערע ארבייטס־קאנדיציאנען.

* * *

**א שטארקע בעוועגונג אין אנדערע טריידס**

זייט די לעצטע עטליכע מאנאטען געהט אן א שטילע אבער העפטיגע בעוועגונג צו ארגאניזירען די ארבייטער אין געוויסע טריידס אין ניו יארק, פון וועלכע מען האט ניט פיעל געהערט, צוליעב די שלעכטע צייטען. מיר מיינען די טשילדרען דרעסמייקערס, לאקאל 50; די ראפפער און קימאנא ארבייטער, לאקאל 41 און די עמבראידערי ארבייטער, לאקאל 5 און לאקאל 6.

די ערפאהרונג פון די לעצטע יאהרען האט אונז געציינט, אז ווען עס ווערט געמהאן א האלבע ארבייט, מוז מען נאכהער ווידער אנהויבען פון אנפאנג. לאקאל 50 און לאקאל 41 האבען געפיהרט דזשענעראל סטרייקס אין 1913, אבער אין ביידע פעלע איז דער טרייד נור טיילווייז ארגאניזירט געווארען און דערפאר איז פון די ראמפאלסריגע זיעגע גארנישט געבליבען. אבער די ארבייטער אין דיעזע טריידס מוזען פארט ערהויבען ווערען. זייערע שכירות זיינען שרעקליך געפאלען, אין פיעלע שעפער פערדיענט מען ניט מעהר ווי 4 דאלאר א וואך. דיעזער צושטאנד מוז זאפארט געענדערט ווערען. די אינטערנעשאנעל האט דיעזע ארבייטער איממער אין זינן געהאט. און טראץ איהרע שווערע צייטען פון שטורעם און דראנג, האט זי אבער פארט אנגעהאלטען ארגאניזערס. עס האט גענומען לאנג ביז מען האט בעקומען רעזולטאטען, אבער די ארבייט האט געווירקט און איצט זיינען דיעזע טריידס בערייט פאר אן אלגעמיינע בעוועגונג.

די קאלעקטיווע אגרימענטס, וואס זיינען געסיינט געווארען אין 1913, זיינען געווען א דורכפאל, דערפאר ווייל די ארבייטער האבען ניט געשאפען א מאכט, וואס זאל זיין בכח צו צווינגען די באסעס צו האלטען ווארט.

די ארבייטער מוזען קלאר בעגרייפען, אז אום צו געווינען ריעלע פערבעסערונגען און אנהאלטען דעם געווינס, מוז מען איממער שטעהן אויף דער וואך דורך דער ארגאניזירטער מאכט פון דער יוניאן, און ניט אבשטעהן פון דעם גלויבען און געטריישאפט צו דער ארגאניזאציאן אויף איין מינוט. אט דאס איז דער לעססאן וואס די ערפאהרונג פון דער פערגאנגענהייט דארף זיי לערנען. די יוניאן איז איממער בערייט צו טהאן פאר די ארבייטער, בתנאי אז די ארבייטער זאלען שטיצען די יוניאן מיט'ן גאנצען הארצען און מיט דער גאנצער נשמה.

* * *

עס פרעהט אונז, אז די עמבראידערי ארבייטער גרייטען זיך צו פערבעסערען זייער לאגע.

אונגעפעהר א יאהר צוריק זיינען זיי געבליבען ענטוויישט און ענטמוטיגט. דער קריזיס, וואס האט געהערשט אין טרייד צוליעב דעם וועלט־קריעג, האט צושלאגען די פלענער פון דער אינטערנעשאנעל צו שטעלען די עמבראידערי ארבייטער אויף א בעסערען שטאנד. מיר האבען געוואוסט, אז די בעוועגונג וועט אבגעפרישט ווערען, ווען עס וועלען איינטרעטען אין טרייד נארמאלע בעדינגונגען, און איצט איז ווידער געווארען לעבעדיג אין זייערע רייהען.

זאלען זיי נור זיין פעסט ארגאניזירט, וועט דאס איבריגע שוין גאנץ לייכט אנקומען. דאן — צי זיי וועלען פיהרען דעם קאמפף דורך קאנפערענצען און פערהאנדלונגען, צי דורך א סטרייק — וועלען די ארבייטער זיכער זיין די זיעגער. נור דורך א שטארקע, ווירקזאמע ארגאניזאציאן און געשלאסענע רייהען וועלען די עמבראידערי ארבייטער געווינען זייערע גערעכטע פאדערונגען.

װעהן פאַר זיך גוטע אױסזיכטען אױף אַ בעסערע צוקונפט.

די סיטואַציאָן אין פילאַדעלפיאַ איז אַנדערש װי אין ניו יאָרק, װײל דאָרט איז קײן פערשטענדיגונג מיט די באָסעס אין װײסט־טרײד ניט געװען. אין אַנפאַנג 1910 האָבען די װײסט־מאַכער פון פילאַדעלפיאַ נעפאָלגט דעם בײשפיעל פון זײערע שװעסטער אין ניו יאָרק און אַנגעפיהרט אַ דזשענעראַל סטרײק פאַר בעסערע בעדינגונגען. נאָך אַ לאַנגען, ביטערען קאַמפף איז דער סטרײק געסעטעלט געװאָרען, אָבער דער סעטלמענט האָט ניט אַנגעהאַלטען, און די מאַססע אַרבײטער איז געװאָרען גלײכגילטיג צו דער יוניאָן. דערפון איז די אָרגאַניזאַציאָן נאַטירליך אָבגעשװאַכט געװאָרען. די אַרבײטס־בעדינגונגען זײנען געװאָרען אַלץ ערגער און די לאַגע איז געװאָרען פאָזיטיװ אונערטרעגליך. 4 יאָהר נאָכאַנאַנד האָבען די באָסעס געהאַט די גאַנצע ממשלה אין די שעפער און שרעקליך אַראָבגעװונקען די אַרבײטס־פרײזען און אַלגעמײנע קאָנדיציאָנען, ביז עס איז געלונגען ברודער סילװער פון ניו יאָרק, װעלכער איז געשיקט געװאָרען נאָך פילאַדעלפיאַ פון דער אינטערנעשאָנעל, אױפצואװעקען די װײסט און דרעסמאַכער פון זײער פער׳שכור׳טען שלאָף און אַרײנגעבען אין זײ אַ נײעם גלױבען אין דער יוניאָן.

אַ סיכטיגע, שטאַרקע אַרמעע איז איצט מאָביליזירט געװאָרען. אַלע מחיצות פון טרײד זײנען פעראײניגט אין אַ פעסטע אָרגאַניזאַציאָן, און אין די נענסטע פאַאר װאָכען װעט בעשטימט װערען אַ פראַגע פון דער העכסטער װיכטיגקײט פאַר די אַרבײטער, נעמליך: זאָלען אין די פילאַדעלפיער װײסט שעפער הערשען אונגעשטערט, דעספאָטישע, אַלט־פרענקישע מעטאָדען, אָדער זאָלען די אַרבײטס־שטונדען רעגולירט װערען, די שכירות געהעכערט װערען און די אַרבײטער ערהױבען װערען און האָבען אַ דעה אין דער בעשטימונג פון זײערע אַרבײטס־בעדינגונגען?

רעדט מען װעגען גערעכטיגקײט, דאַן זאָגט אונז דער גראָדער שכל און דער געפיהל פאַר דעם װאָהלשטאַנד פון די אַרבײטער, אַז דער לעצטער מיטעל, קען אַנגענומען װערען דורך קאָנפערירען און געשעפטס־מעסיגע פערהאַנדלונגען. די אַרבײטס־קראַפט פון די אַרבײטער בעשאַפט די פראָפיטען פון טרײד און מאַכט רײך די קאַפּיטאַלען פון אינדוסטרי; מוז מען, אַלזאָ, זײער װאָהלשטאַנד אין אַכט נעהמען, די אַרבײטער מוזען ריכטיג פערזאָרגט װערען.

די אַרבײטער אַלײן מוזען העלפען אױסבעסערען זײער צושטאַנד דורך פעסטע אײניגקײט. זײ מוזען לערנען אַ לעססאָן פון זײערע ערפאַהרונגען אין די לעצטע 4 יאָהר. װען זײ זײנען געװען ניט אָרגאַניזירט, יעדער פאַר זיך, זײנען זײ געװען אונטערװאָרפען דעם באָס, געצװאָונגען צו טהאָן זײן װילען און אַרבײטען אױף די פרײזען, װאָס ער האָט אַלײן געשטעלט. מיר גלױבען, אַז דיעזער צושטאַנד איז שױן פאַר איבער. די פילאַדעלפיער „װײסט, סילק־סוט און טשילדרען דרעסמײקערס" פערגרעסערען די מאַכט פון זײער אָרגאַניזאַציאָן מיט יעדען טאָג און פאָדערען געהעריגע אַנערקענונג און ערהליכע בעהאַנדלונג, און זײ װעלען זײער פערלאַנג בעקומען.

* * *

עס בעװעגען זיך דאָס גלײבען די װײסט מײקערס פון באָסטאָן

לױט אַ בעשלוס בײ אײנעם פון די לעצטע פערזאַמלונגען פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיװ באָארד, איז גענומען געװאָרען אַ שריט צו בעשאַפען אַן אָרגאַניזאַציאָנס־בעװעגונג בײ די װײסט־מאַכער אין באָסטאָן. די בעװעגונג מאַכט שנעלען פראָגרעס און מען מעג ערװאַרטען װיכטיגע פאַסירונגען אין באָסטאָן, גלײכצײטיג מיט די פאַסירונגען אין אַנדערע ערטער.

די װײסט־מאַכער יוניאָן פון באָסטאָן האָבען געהאַט אַ סטרײק און געװינט, אין מערץ 1913. עס איז אונטערשריעבען געװאָרען אַ קאָלעקטיװער אַגרימענט, לױט װעלכען מען האָט זײ פערשפראָכען יוניאָן־בעדינגונגען — בעסערע שכירות, קירצערע שטונדען, פרײז־קאָמיטעס פאַר סעטלען־פרײזען און שליכטען סכסוכים אױף אַ פרידליכען אופן. אָבער אַזױ װי עס האָט זײ אױסגעפעהלט ערפאַהרענע מענשען צו פיהרען די פערהאַנדלונגען מיט די באָסעס, איז ניט פערפערטיגט געװאָרען קײן מאַשינעריע אָדער סיסטעם װי אױסצורעגולירען די בעציהונגען מיט די מאַנופעקטשורערס, און אפילו די פונקטען פון אַגרימענט, װעלכע האָבען געקענט נוצען ברײנגען, זײנען אױך פערנאַכלעסיגט געװאָרען. עס האָט זיך גענומען פערשפרײטען אונצופריעדענהײט אין די רײהען און די אָרגאַניזאַציאָן איז אָבגעשװאַכט געװאָרען. אָבער די אַרבײ־

עקשנ'ס אין א מיינונג, וואָס די אָרגאַניזירטע ארבייטער אין אַלע אינדוסטריעלע לענדער האָבען שוין לאַנג אוועקגעוואָרפען. דער ווידער־שפּרוך צווישען זיין מיינונג וועגען דעם געזעצליכען 8־שטונדען טאָג און אַנדערע ארבייטער שוץ־געזעצע איז אַזוי בולט, אַז מען קען איהם אַנטאַפּען.

עס פרעהט אונז צו זעהן, אַז עס איז היי־יאָהר געוועזען א גרעסערע צאָהל שטימען געגען זיין מיינונג, און, אַז איינינע מיטגליעדער פון'ם עקזעקוטיוו קאונסיל האָבען געשטימט מיט דער מינאָריטעט. זיינע טענות געגען אַן 8־שטונדען געזעץ דערמאָהנען אונז אָן א געוויסען מר. שיפּטאָן און די אַלטע טרייד יוניאָניסטען אין ענגלאַנד מיט 20 יאָהר צוריק. יענע האָבען זיך בענוצט מיט דעם זעלבען ארגומענט געגען געזעץ־פּראָיעקטען ווי פּרעז. גאָמפּערס בענוצט זיך איצט. זיי האָבען גע'טענה'ט: 1) אויב מען זאָל דורכפיהרען געזעצע פאַר קירצערע ארבייטס־שטונדען און א מינימום לוין, וועלען די ארבייטער אָבשטעהן אין זייערע עקאָנאָמישע קעמפּפע, און 2) אַז עס וועט הייסען דאָס מען בענוצט זיך מיט פּאָליטיק צו טהאָן די ארבייט פון סטרייקס, און פּאָליטיק וועט צוברעכען די פאַך־אָרגאַניזאַציאָנען.

א צייט שפּעטער האָט פּאַסירט דער פאַל מיט דעם „טעף וועיל" סטרייק פון אייזענבאַהן ארבייטער, צוליעב וועלכען די קאָורטס האָבען צוגע'פּסק'ט דער אייזענבאַהן קאָמפּאַניע א 100 טויזענד דאָלאַר שאַדען־ערזאַץ און האָבען אויף ארויסגעגעבען אַן ענטשיידונג, אַז מען קען לייגען אַן ארעסט אויף דער טרייד־יוניאָן קאַסע אום צו בעצאָהלען אַזעלכע געלד־שטראָפען. דיזער פאַל האָט צושטערט די גאַנצע געבוידע פון דעם „פּיור ענד סימפּעל'דיגען טרייד יוניאָניזם" אין ענגלאַנד. עס איז גלייך ענטשטאַנען א בעוועגונג, וואָס האָט פעראייניגט פּאָליטישע טהעטיגקייט און אַגיטאַציע פאַר ארבייטער שוץ־געזעצע מיט דעם עקאָנאָמישען קאַמפּף פון די טרייד־יוניאָנס. די „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי" האָט אָנגעהויבען די בעוועגונג און שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרען די „לייבאָר פּאַרטי אין פּאַרלאַמענט". דיזע פעראייניגטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע טהעטיגקייט האָט געגעבען דער טרייד יוניאָן בעוועגונג אַן אונגעהויערע טרייב־קראַפט. די ארבייטער זיינען ניט אָבגעשטאַנען אין זייער עקאָנאָמישען קאַמפּף; פערקעהרט, די פעראייניגטע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע טהעטיגקייט האָט פערגרעסערט די צאָהל סטרייקס און די בעוועגונג איז געוואָרען פיעל שטאַרקער.

אזא מיינונג ווי פּרעז. גאָמפּערס האָלט וועגען דעם געזעצליכען 8־שטונדען טאָג איז געוועזען לאָגישער דאַן, ווען דער געשריי אין די טרייד־יוניאָנס איז געוועזען „קיין פּאָליטיק!" אָבער דאָס איז געוועזען מיט יאָהרען צוריק. היינט האָבען מיר אַלע געשטעלט זיך דעם ציעל דורכצופיהרען אַלערליי שוץ־געזעצע. און דערפאַר איז עס אונלאָגיש אויף דעם העכסטען גראַד צו מאַכען אויסנאַהמען, צוליעב אַזעלכע שוואַכע טענות ווי פּרעז. גאָמפּערס האָט פאָרגעבראַכט.

דער איינציגער פעהלער פון ארבייטער שוץ־געזעצע איז, וואָס זיי ווערען ניט דורכגעפיהרט; אָבער דאָס איז די שולד פון די אָרגאַניזירטע ארבייטער אַליין. מיר זיינען ניט פאָלשטענדיג אָרגאַניזירט; ניט פאָלשטענדיג פעראייניגט און ניט וואַכזאַם גענוג צו זעהן, אַז די געזעצע ז אָ ל ע ן דורכגעפיהרט ווערען.

די אָרגאַניזירטע ארבייטערשאַפט מוז שטרעבען צו ווערען דאָפּעלט שטאַרק. זי מוז זעהן ווערען אימשטאַנד צו בעפעסטיגען די זיעגע אין סטרייקס דורך דער מאַכט פון געזעץ און רעגיערונג. און אַזוי ווי די הויפּט־טהעטיגקייט פון דער אמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר איז אויף דעם פּאָליטישען געביעט — אַן אָנשטרענגונג דורכצופיהרען פערשיעדענע געזעצע צו גונסטען די ארבייטער — שליעסליך דאַרף פון איהר פּראָגראַם ניט אויסגעלאָזען ווערען קיין שום געזעץ פּראָיעקט, וואָס קען שטעלען די ארבייטער בעוועגונג אויף א שטאַרקען, זיכערען באָדען.

# אבקלאנגען פון דעם קאנווענשאן אין סען־פראנציסקא.

אין אונזער דעצעמבער אויסגאבע האבען מיר שוין גערערט פון וויכטיגע פאקטען, וואס זיינען פערהאנדעלט געווארען ביי דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר אין סען־פראנציסקא. איצט אז מיר האבען גענויערע בעריכטען, וועט ניט שאדען אומצוקעהרען זיך צו איניגע אינטערעסאנטע ענינים.

* * *

**די פראגע פון די פער. אידישע געווערקשאפטען**

איינע פון די פראגען, וואס האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די ארגאניזירטע ארבייטער פון דער גאנצער שניידער אינדוסטרי, איז געווען דער סכסוך צווישען די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און די סענטראל פעדערייטעד יוניאן פון ניו יארק. אונזערע דעלעגאטען — פרעזידענט שלעזינגער פון דער אינטערנעשאנעל און ברודער פאלאקאף — האבען געפיהלט, אז עס וואלט געווען א גרויסע עולה, ווען די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען וואלטען געדארפט ליידען פאר זייער סימפאטיזירען מיט די שניידער, וועלכע האבען פערלאזען די יונייטעד גארמענט וואירקערס. די פעראייניגטע איד. געווערקשאפטען האבען געמיינט גוט מיט זייער האלטען אין זייערע רייהען די לאקאלס פון דער אמאלגאמייטעד קלאדינג וואירקערס יוניאן; און ווען זיי האבען אנערקענט זייער מיסטייק, איז שוין דער מיט דער סכסוך געשליכטעט געווארען. די קאנווענשאן האט אנגענומען דיעזע מיינונג.

אבער אום די קאנווענשאן זאל קומען צו דיעזער איבערצייגונג, איז נויטיג געווען אויפצוקלעהרען די דעלעגאטען, און דיעזע פפליכט איז געפאלען אויף די ברידער שלעזינגער און פאלאקאף; אסעמבלימאן שיפלאקאף, דער סעקרעטער פון די פעראייניגטע איד. געווערקשאפטען, וועלכער האט ביגעוואוינט די קאנווענשאן פאר דיעזען צוועק; צוקערמאן, דער דעלעגאט פון די קעפ־מייקערס יוניאן און דזשיי. גאלדשטיין, דער דעלעגאט פון דער אינטערנעשאנעל בעקערס יוניאן.

ביי דעם קאנפערענץ, צו וועלכען פרעז. גאמפערס האט פערופען די פערטרעטער פון אלע פעראינטערעסירטע צדדים, איז די זאך געווארען גאנץ קלאר. אלע האבען איינגעזעהן, אז עס וואלט קיין שום גוטעס ניט ארויסגעקומען פון אויסשליסען די אדער יענע קערפערשאפט. אן עבירה געגען דער דיסציפלין איז ווירקליך צום בעדויערען, אבער אן אינערליכע קריעג אין דער ארבייטער בעוועגונג איז אונפערצייהליך. און עס פאסירט אפט, אז א קריעג קען אויסגעמידען ווערען, ווען מען בעגעהט זיך ניט צושטריינג און מען אפעלירט צו דער בעסערער זייט פון דער מענשליכער נאטור.

פרעזידענט גאמפערס האט באלד איינגעשטימט מיט דיעזער סימפאטישער אנזיכט און מען מעג איהם דאריף גראטולירען. דער אינערליכער סכסוך אין די רייהען פון די שניידער־ארבייטער איז נאך ניט געשליכטעט, אבער דער פריעדליכער גייסט, וואס האט די שטרייטענדע צדדים צוזאמענגעבראכט, גיט אונז האפענונג, אז די מחלוקה וועט בעזייטיגט ווערען אין דער ניט־ווייטער צוקונפט.

די קאנווענשאן האט איבערגעגעבען די גאנצע אנגעלעגענהייט צו פרעזידענט גאמפערס. צוליעב זיין אורטהיילסקראפט און גרעדען שכל איז ער א זעהר פאסענדער מענש צו מאכען שלום און שאפען הארמאניע צווישען די ארבייטער אין איינע פון די גרעסטע אינדוסטריען. די סענטראל פעד. יוניאן, וועלכע האט אויף זיך גענוג אויפגאבען, וואלט ניט געווען אימשטאנד צו טהאן די אויפקלעהרונגס־ארבייט צווישען די אידישע אימיגראנטען אזוי פלייסיג און מיט אזעלכע גוטע רעזולטאטען ווי די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, און אן אינערליכער קאמפף אין דער ארבייטער בעוועגונג אין ניו יארק וואלט געטהאן זעהר פיעל שאדען.

* * *

**דער געזעצליכער 8 שטונדען טאג**

מיר האבען דעם גרעסטען רעספעקט פאר פרעזידענט גאמפערס — דער מאן וועלכער האט אבגעגעבען זיין לעבען אויפצובויען די טרייד יוניאן בעוועגונג אין דיעזען לאנד. ער האט אין דיעזער לעבענס־ארבייט געהאט א גרויסען ערפאלג, צוליעב זיין גרויסער פעהיגקייט און אונערמידליכער אנשטרענגונג. דערפאר איז דעסטא שווערער צו בעגרייפען, ווארום ער איז אזוי איינגע־

פון די אנוועזענדע, אז נייע האפנונגען האבען אויפגעבליהט אין זייערע הערצער, זיי זיינען געקומען הערען דעם לעצטען ווארט — דעם ווארט וועלכער וועקט מוטה און בעגייסטערונג...

נאך דיעזער פערזאמלונג, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט ערנסטקייט און ענטוזיאזם, האט זיך געפאדערט אז, אום צו ווערען קלאהרער און זיכערער אין די נעכסטע שריטע, זאלען מיר האבען א קאנפערענץ מיט שאפ־פארטרעטער פון די פילאדעלפיער וועיסט, סילק סוט און טשילדרען דרעסמייקערס. צו דיעזען קאנפערענץ האב איך אויך אראבגעבראכט אונזער פרעזידענט, ברודער שלעזינגער.

דער קאנפערענץ איז אבגעהאלטען געווארען, און וואס מיר האבען געלערענט פון איהם איז, אז נאר אין גיכען וועלען די פילאדעלפיער ארבייטער פון דיעזע אינדוסטריען קענען זיך גראטולירען מיט א פאלקאמענעם זיעג.

* * *

אויף לאקאל 50, טשילדרען דרעסמייקערס פון ניו יארק, און לאקאל 41—לאקאלס וועלכע האבען אין 1913 געהאט דזשענעראל־סטרייקס, און האבען געסעטעלט מיט אינדיווידועלע מאנופעקטשורערס ווי אויך מיט אסאסיאיישאנס— האבען אבער ניט אויפגעהאלטען דאס געווארנען, און דאס האט זיך אבגערופען אויף דיעזע ארגאניזאציאנען, וועלכע זיינען געבליבען אין א צושטאנד פון כאאס.

די אינטערנעשאנעל האט אין פערלויף פון דעם לעצטען יאהר און א האלב אנגעהאלטען ארגאניזערס און האט כמעט אויסגעהאלטען די לאקאלס מיט רענט, אבער ביז מיט עטליכע מאנאט צוריק איז געווען אוממעגליך צו שטעלען די יוניאנס אויף א גוטען, פעסטען פונדאמענט. ענדליך, האבען די ארבייטער פון דיעזע צוויי טריידס איינגעזעהן, אז אוועק צו שטעהן פון דער יוניאן מיינט געבען א מעגליכקייט צו די בעלי בתים צו געוועלטיגען פראנק און פריי, און איצט האט זיך אנגעפאנגען א לעבעדיגע טהעטיגקייט. די ארבייטער קעהרען זיך צוריק צו זייערע יוניאנס. א ברייטע ארגאניזאציאנס־ארבייט ווערט אנגעפיהרט. די ארבייטער פערשטעהען די ערנסטקייט פון דעם מאמענט און דיעזע יוניאנס וואקסען יעדע שטונדע גרעסער אין צאהל און אין מאכט.

* * *

ניט ווייניג אויפמערקזאמקייט האט געפאדערט די עמבראידערי ווארקערס, דאס זיינען לאקאלס 5 און 6. לעצטען יאהר האבען זיי זיך פארבערייטעט פאר א דזשענעראל סטרייק, נור אזוי ווי זיי זיינען ניט געווען גוט ארגאניזירט און דער סיזאן איז געווען א שלעכטער, איז קיין סטרייק גערופען געווארען. ווי געוועהנליך, האבען זיך די ארבייטער גענומען שטארק געטראפען: סטייטש, מען האט דאך זיי נאר אבגענארט; מען האט דאך זיי צוגעזאגט ארויסצורופען א דזשענעראל סטרייק און מען האט עס ניט געטהאן, דאן דארף מען דאך ניט די יוניאן! א שטיקעל רעאקציע איז אריינגעטראטען אין דיעזע לאקאלס. נור א דאנק די אקטיווע מעמבערס, און די אינטערנעשאנעל, וועלכע האט דיעזע לאקאלס געמונטערט צו טהעטיגקייט, ווערט דיעזען יאהר די ארבייט געקרוינט מיט ערפאלג. די לאקאלס וואקסען, זיי האבען שוין אויסגעארבייט זייערע פארדערונגען און פארבערייטען זיך, ווען נויטיג, דורך א קאמפף זייערע גערעכטע פארדערונגען דורכצופיהרען.

* * *

גאנץ היבשע אויפמערקזאמקייט האט פערלאנגט לאקאל 25, די וויסט־מייקערס יוניאן וואו איך בין א מעמבער, און וועלכע איך האב געהאלפען בויען. דיעזער לאקאל, וועלכער רעכענט זיך פאר איינעם פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנעל, האט א סך קריוודעס פון די בעלי בתים. אין 1913, ווען דער דזשענעראל סטרייק איז גערופען געווארען, האט לאקאל 25 געסיינט א פראטאקאל מיט די וויסט און דרעסס מאנופעקטשורערס אסס'ן און מיט אינדעפענדענט מאנופעקטשורערס. געוועהנליך, אין אן אינדוסטרי וועלכע נעהמט אריין אזא געוואלדיגע צאהל ארבייטער — אן אינדוסטרי, וועלכע איז אבהענגיג פון סיזאנס און סטיילס — האט מען ניט געקענט פאראויסזעהן אלע איבלען און פערלאנגען רפואות. אבער דער לעבען האט ארויסגעבראכט נייע זאכען, נייע צרות, און דער פראטאקאל דארף געענדערט ווערען אום ער זאל זיך מעהר צופאסען צו די פערהאנדלונגען צווישען דער יוניאן און די דרעסס און וויסט מאנופ. אססאסיאיישאן.

אויך זיינען אין פערלויף פון די דריי יאהר אויסגעוואקסען נייע מאנופעקטשורערס, סובמאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס, וועלכע די יוניאן האט ניט געקענט ארגאניזירען, און זעלבסט־פערשטענדליך קאנקורירען דיעזע ארבייטער מיט די ארבייטער פון די יוניאן־שעפער.

# מיין ערשטער מאָנאַט אין דזשענעראַל אָפּיס

פון אב. באראף.

מיין אריינטרעטען אין דעם אמט פון דזשענעראַל סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאַנעל, איז כמעט ווי ארויפגעצוואונגען געוואָרען אויף מיר. איך וויל דאָ חלילה זיך ניט בעקלאָגען, אז מען האט מיך געקריוודעט, די אויבען־דערמאָהנטע בעמערקונג איז געמאכט געוואָרען ניט מיט דער אבזיכט צו שפּיעלען די ראָלע פון א מארטירער, חלילה; פערקעהרט, איך רעכען אז דער אמט איז א שטעלע און אן עהרע פאר מיר. נור איך האב עס געפונען פאר נויטיג צו בעמערקען, אום די וועלכע קענען מיך זאָלען זיך קענען מאכען א בעגריף ווי איך האב געפיהלט געהמענדיג אויף זיך אזעלכע פערנטוואָרטליכע פפליכטען.

אמת, אז די ארבייטער־בעוועגונג איז פאר מיר קיין נייעס, שוין באלד דריי צעהנדליג יאָהר אז זי איז א טהייל פון מיין לעבען. די טרייד יוניאָן בעוועגונג איז אויך קיין נייעס פאר מיר; דאָך האט עפּעס די הארץ געקלאפּט ווען איך האב איבערגענומען דעם אמט פון פריינד זיגמאַן. פיעלע געדאנקען האבען געשטורעמט אין מיין קאָפּ; פיעלע ערנסטע פראגען זיינען געבאָרען געוואָרען אין מיין מוח. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען געווען — צי וועל איך זיין בכוח צו דיענען די ארבייטער אויף אזא אופן, אז עס זאָל זיין אן עהרע פאר מיר; צי וועל איך קענען ערפילען די פפליכטען פון מיין פעראַנטוואָרטליכער שטעלע; צי וועט מיין אריינטרעטען אין אמט ברענגען זיעגע פאר אונזער אינטערנעשאַנעל, און צי בין איך גרויס גענוג דיעזע עהרענהאפטע שטעלע צו פערטרעטען?

אין ענטפער האב איך זיך געגעבען, און דאס איז, אז איך וועל טרייען צו ווידמען מיין גאנצע צייט, מיין גאנצע ענערגיע צו אונזער טרייד יוניאָן בעוועגונג, און די איבריגע פראגען האב איך איבערגעלאָזען צו ווערען פערענטפערט ביי מיינע צאהלרייכע פריינד און קאַמעראַדען.

אין פערלויף פון דעם ערשטען מאנאט האט זיך געפאָדערט א קורצע צייט צו בעקאַנען זיך מיט דער ארבייט און אָפּיס—אריינצוקוקען אין די פינאנסען. דאָך האב איך דורך דער צייט געטרייט זיך מאכען טהעטיג מיט ראטה און טהאט פאר די לאָקאלס, וועלכע האבען אם נויטיגסטען געפאָדערט מיין אויפמערקזאמקייט.

* * *

די פילאדעלפיער וויסט, סילקסום און טשילדרען דרעס מייקערס יוניאָן, לאָק. 15, איז אין פערלויף פון די לעצטע 7 מאָנאטען אויסגעוואקסען פון אן אונבעדייטענדען לאָקאל צו אזא גרויס, אז דער פערלאנג פון די מעמבערס אז די יוניאָן זאָל ווערען אנערקענט פון די בעלי בתים איז געוואָרען א גאנץ דרינגענדער. דאס מיינט, אז די ארבייטער פון דיעזען לאָקאל פיהלען זיך שטארק גענוג צו פאָדערן פון די מאנופעקטשורערס בעסערע בעדינגונגען. זיי פאָדערן אז די ארבייטס־פרייזען זאָלען ניט מעהר איבערגעלאָזען ווערען צום יושר פון זייערע ברויטגעבער, און א גאנץ שטארקע און לעבהאפטע בעוועגונג האט זיך אנגעפאנגען לאָקאל 15 דיעזען וואונש דורכצופיהרען. פאר דיעזען צוועק בין איך ארויסגערופען געוואָרען צו זייערען א מעמבער מיטינג, וואו כמעט זיבען הונדערט מעמבערס זיינען אנוועזענד געווען. דאָרט, ביי דיעזען מיטינג, האבען די מעמבערס פון לאָקאל 15 ענטשלאָסען און גאנץ אינטעליגענט דיסקוטירט דעם נעקסטען שריט וואס זיי דארפען מאכען אום צו צווינגען די בעלי בתים צו אנערקענען זייער יוניאָן.

די עקזעקוטיוו באארד פון לאָקאל 15 האט, ווי עס זעהט אויס, געפיהלט, אז דיעזער מעמבער מיטינג האט נאָך ניט געמאכט דעם געווינשטען איינדרוק אויף איינעם פון די העכסטע בעאמטע פון דער אינטערנעשאַנעל, און דארום האבען זיי ארראנזשירט א מאסען־פערזאמלונג, וואו א קאָמיטע פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באארד— די ברידער לעפקאָוויטש און האלפערין און דער שרייבער פון די ציילען — זיינען אנוועזענד געווען.

איבער צוויי טויזענד ארבייטער פון דיעזער אינדוסטרי זיינען געווען פערזאמעלט און הונדערטער האבען געמוזט זיך אומקעהרען צוריק ענטוישט, ווייל מען האט מעהר ניט געקענט אריינלאָזען אין האלל, עס איז געווען א וואונדער בארע פערזאמלונג — א פערזאמלונג וואו מען האט געקענט לעזען אויף די יונגע געזיכטער

# פון מאָנאַט צו מאָנאַט

פון מ. ה. דעניש.

## דריי מאַסס־מיטינגען אין קופּער יוניאָן

דיזער מאָנאַט, ערב ספּרינג סיזאָן פון 1916, ערינערט אונז אָן די לעבעדיגע טעג וואָס אונזער אינטערנעשאָנעל האָט דורכגעמאַכט מיט 3 יאָהר צוריק, אין די ווינטער מאָנאַטען פון 1913, ווען די ווייסט און דרעססמייקערס, די וואַיט גודס מייקערס און אַנדערע טריידס וואָס פרויען זיינען מייסטענס בעשעפטיגט, האָבען דורכגעמאַכט קעמפּפע פאַר בעסערע ארבייטס־בעדינגונגען. און צוליעב יענע קעמפּפע זיינען פערבליבען מעכטיגע יוניאָנס פון ווייסט־מייקערס, וואַיט גודס ארבייטער און קלענערע אָרגאַניזאַציאָנען אין די איבריגע קליידער־פאַכען אין ניו יאָרק. די ערפאַהרונג און פּראַקטיק וואָס דיזע טריידס האָבען דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע דריי יאָהר, האָבען א שטאַרקען נרך אין בעלייכטען דעם וועג פאַר ווייטערע קעמפּפע.

אין דער לעצטער וואָך פון 1915, האָבען שטאַטגעפונען אין ניו יאָרק דריי מאַסס־מיטינגען אין קופּער יוניאָן. די ווייסט־מייקערס האָבען אָבגעהאַלטען א גרויסע מאַססען־פערזאַמלונג מאָנטאַג, דעם 27טען דעצעמבער. לאָקאַל 25, גרייט זיך העפטיג צו שטעלען די בעלי בתּים פון טרייד פאָדערונגען אָדער אויסבעסערונגען אין פּראָטאָקאָל. א טהייל פון דיזע פאָדערונגען זיינען ביי דיזען מיטינג דיסקוטירט געוואָרען. די געווינסען פון פאַר דריי יאָהרען האָבען, צוליעב דעם אונגעהייערען שטייגען אין די פּרייזען פון לעבענס־מיטלען, פערלאָרען זייער ממשות׳דיגקייט; די אונצופריעדענהייט צווישען די ארבייטער איז שטאַרק געוואַקסען און עס פיהלט זיך צווישען די ווייסט־מייקערס, דאָס עס איז צייט גרינדליך אויסצובעסערען די לאַגע—העכערען די ארבייטס־פּרייזען, פערשטאַרקען דער יוניאָנ׳ס קאָנטראָל אין די שעפּער און קלאָר מאַכען פאַר דער וועלט, דאָס די ווייסט און דרעססמייקערס האָבען דעם מוטה און די סאָלידאַריטעט פאַרצוברייגנען, קעמפּפען און געווינען זייערע פאָדערונגען אויף א פּראַקטישען אופן.

אין די פּלענער פון די ניו יאָרקער ווייסט־מאַכער, דאַרף מען אַריינרעכענען נוארק, ניו דזשורזי. זינט די ווייסט־מייקערס יוניאָן איז געוואָרען שטאַרק און איינפלוסרייך, האָבען פיעל מאַנופעקטשורערס אויפגעעפענט נייע שעפּער אין נוארק. עס פּאַסירט אָפט, דאָס ווען א מאַנופעקטשורער האָט א סכסוך מיט דער יוניאָן און עס קומט צו א סטרייק, שפּאַנט דער באָס אריבער דעם האָרסאָן טייך און בעזעצט זיך אין נוארק. איצט זיינען אין נוארק דאָ ווענינגסטענס 10 טויזענד ארבייטערינס אין דיזע טריידס. די אינטערנעשאָנעל האָט שוין לאַנג אנערקענט דעם געפאָהר און אַנגעפאַנגען אין נוארק א בעוועגונג פאַר א יוניאָן אום צו אָרגאַניזירען די ארבייטער פון די אריבערגעטופטע שעפּער. די אינטערנעשאָנעל האָט זיך איצט גענומען טיכטיג צו דער ארבייט. איצט ארבייטען אין נוארק צוויי אינטערנעשאָנעל אָרגאַנייזערס אין די ווייסט און וואַיט גודס טריידס און עס איז זיכער, אז וואָס עס זאָל דאַרט ניט פּאַסירען, וועט נוארק ניט קענען מעהר דיענען פאַר די ניו יאָרקער מאַנופעקטשורערס אלס א סעקבישער עיר מקלט.

דער צווייטער קופּער יוניאָן מיטינג איז אָבגעהאַלטען געוואָרען פון דער וואַיט גודס וואָרקערס יוניאָן, לאָקאַל 62, דעם 23טען דעצעמבער. ערשט לעצטען ווינטער האָבען זיי בעניעט זייער צוויי־יעהריגען אגרימענט מיט זייער אַסאָסיאיישאָן. לויט דעם נייעם אגרימענט קריגען די מיידלאך א צווייטען רייז פון א האַלבען דאָלאַר א וואָך דעם 1שטען יאַנואַר 1916, און מיט דיזען מאַסס־מיטינג האָט מען טהיילווייז בעצוועקט, אז דער רייז זאָל איבעראַל דורכגעפיהרט ווערען. דער וואַיט גודס טרייד איז פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר בעדייטענד אויסגעוואַקסען און די ארבייטער פון בעדייטענדע שעפּער זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט. לאָקאַל 62 פיהרט איצט אָן א שטאַרקען אָרגאַניזאַציאָנס־קעמפּיין. דיזע טויזענדע פרויען און מיידלאך אריינצוציהען אין דער יוניאָן. עס געהט אָן א סטרייק־בעוועגונג אין פיעלע איינ־

און עס פּאָדערט זיך אַ גאַנץ ברייטע בעוועגונג, אַ שטאַרקער קעמפּיין אום דיעזע ניט־אָרגאַניזירטע שעפּער אַריינצוקריגען אין דער יוניאָן.

צוויי אויפגאַבען האָט לאָקאַל 25 דיעזען סי־זאָן. ערשטענס, רעווידירען דעם פּראָטאָקאָל, פּערלאַנגען אויסבעסערונגען פון די ווייסט און דרעסס מאַנופעקטשורערס אַסס'ן און צווייטענס, צו אָרגאַניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע שעפּער. אַ גאַנץ שטאַרקע בעוועגונג ווערט אָנגעפיהרט פון דיעזען לאָקאַל, פּאָרבערייטונגען ווערען גע־מאַכט; שאַפּ־מיטינגען, מעמבער־מיטינגען און מאַסס־מיטינגען ווערען גערופען און פּאָדערונגען ווערען דיסקוטירט און אויסגעאַרבייט.

* * *

אויך נוארק איז פון אונז ניט פערגעסען גע־וואָרען. נוארק, וועלכע איז פינף סענט רייזע פון ניו יאָרק, איז אַ שטאָדט וועלכע בעשעפ־טיגט אריבער צעהן טויזענד ווייסט, דרעס, וואַיים־גודס און קימאָנאָ מייקערס. יעדער מאַנו־פעקטשורער, וועלכער דערפיהלט אַז ער האָט פערלאָרען דעם איינפלוס אויף זיינע ארבייטער, און אַז די גוטע יאָהרען ווען ער איז געווען דער זעלבסט־הערשער זיינען פערשוואונדען — אנט־לויפט פון ניו יאָרק, און אַ היבשע צאָהל פון זיי האָבען זיך אריבערגעכאַפּט אין נוארק.

מיר וואָלטען צו זיי נאַטירליך גאָר ניט גע־האַט; די ארבייטער פון נוארק מוזען ארביי־טען פאַר בעלי בתים, אָבער אזוי ווי זיי טהוען עס ניט צוליעב די נוארקער ארבייטער, נור מחמת זיי קענען זיי דאָרט עקספּלואַטירען פריי, דאַרום האָט די אינטערנעשאָנעל אָנגע־שטעלט אָרגאַנייזערס, אַז נוארק זאָל ניט זיין דער נעסט פאַר סקעב־ארבייט.

די נוארקער ארבייטער זיינען בערעכטיגט צו אַ בעסערען לעבען; זיי זיינען בערעכטיגט צו העכערע ווייזשעס און קירצערע שטונדען, און די אינטערנעשאָנעל וועט עס פאַר זיי בעזאָרגען.

* * *

די ווייסט מאַכער אין באָסטאָן, לאָקאַל 49 וועלכע האָבען געהאַט אַ דזשענעראַל סטרייק אין 1913 און האָבען געסיינט אַן אגרימענט מיט אַן אַסס'ן, האָבען אָנגעפאַנגען אַ טיכטיגע בעוועגונג. דער לאָקאַל האָט צוליעב געוויסע אורזאַכען ניט געמאַכט קיין געברויך פון דעם זיעג. אָט דאָ ביז גאָר ניט לאַנג איז לאָקאַל 49 געשלאָפען; די מעמבערס האָבען פאַרגעסען, אַז עס איז דאָ אַ יוניאָן. איצט האָט דאָרט איינגעטראָטען אַ נייער גייסט. שאַפּ־מיטינגען און מאַסס־מיטינ־גען ווערען גערופען און עס איז צו האָפען, אַז דיעזען מאָל וועלען די ארבייטער פערשטעהן ווי צו היטען זייער יוניאָן און וועלען האָבען געלערענט דעם לעסאָן, אַז נור אין איינינקייט ליגט מאַכט, אַז נור דורך שטאַרקע יוניאָנס קע־נען די ארבייטער געווינען בעסערע בעדינגונגען.

איך האָב, אַלזאָ, אין דיעזער קורצער צייט געשאַנקען אַ היבשע טהייל פון מיין צייט צו די ווייסט, דרעסס און טשילדרען דרעסס אינ־דוסטריען. עס איז איצט די גינסטיגע צייט אין דיעזע טריידס. דער סיזאָן פאַנגט זיך אָן ארום דעם 15טען יאַנואר און עס איז פאַראַן אַ גוטע אויסזיכט ארויפצואַרבייטען דיעזע לאָקאַלס און קריגען בעסערע בעדינגונגען.

איך האָב אַריינגעקוקט אין אַלע לאָקאַלס אין ניו יאָרק. עס איז איצט אַ ביטערע סלעק. דיעזע קללה איז איינע פון די גרעסטע; צו דער קללה האָבען מיר נאָך ניט קיין לאָזונג.

עס איז ווינשענסווערטה צו דערמאָהנען, אַז אין ברידזשפּאָרט, קאָנעקטיקוט האָבען מיר צוויי גוטע לאָקאַלס פון די קאָרסעט ארבייטער. פול מיט לעבען און ענערגיע זיינען די נייע אריינגע־קומענע מעמבערס. אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט ווערט דאָרט אָנגעפיהרט אום אריינצוקריגען די איבעריגע אַרבייטער אין די לאָקאַלס. אויך ניו־הייווען האָט צו פערצייכנען אַ זיעג. מיר האָבען דאָרט געגרינדעט אַ לאָקאַל, וועלכער נעהמט איבער מיט דער הילף פון דעם אָרגאַניי־זער פון דער אינטערנעשאָנעל די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען די איבעריגע קאָרסעט פעקטאָרים.

ספּרינגפיעלד, מאַסס., האָט אַ שעהנעם לאָ־קאַל פון קאָרסעט וואָירקערס, וואו טיכטיגע אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט ווערט פערפּלאַנט אונ־טער דער אויפזיכט פון דער אינטערנעשאָנעל.

פיעלע קאָמיטעס פון פערשיעדענע לאָקאַלס זיינען אויסגעהערט געוואָרען און אַלע זיינען גע־האָלפען געוואָרען מיט ראָטה און טהאַט.

עס איז וויכטיג צו בעמערקען, אַז אַלע, וועלכע איך האָב געטראָפען אין אָפיס האָבען מיר ארויסגעצייגט גרויס פריינדשאַפט און גע־מאַכט מיין פעראַנטוואָרטליכע ארבייט ליכטער און אנגענעהמער.

עס איז אויך זעהר ליעבענסווערטה צו דער־מאָנען די אָפּפערווילינקייט און איבערגעבענהייט פון די ניו יאָרקער וויס־פּרעזידענטען, וועלכע האָבען אין פערלויף פון דער צייט וואָס איך געפין זיך אין אָפיס אַטענדעט די מיטינגען פּינקטליך און אין צייט.

קורצער צייט בעווענען זיי אַנצושליעסען זיך אָן אונזער אינטערנעשאָנעל.

לאָקאל 59, די וויסט־מאכער, האָבען נאָך אַלץ א קליינע מעמבערשיפּ, זיי האָבען דאָ ניט לאַנג געהאַט א באַלל און געמאכט א ביסעל געלד. איצט רופען זיי א מיטינג און נעהמען זיך פאר אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט. צוליעב דעם שניידער סטרייק איז איצט שווער עפּעס אויפצוטהאָן. דאָ ניט לאַנג זיינען 3 מיידלאך ארעסטירט געוואָרען פאר א „פערברעכען": מען האָט זיי געכאַפּט טהיילענדיג סירקולאַרס לעבען די שעפּער, און דאָס איז דאָ פון אונזער כשר'ער פּאָליציי שטרענג פערבאָטען.

„לאָקאל 60, די וואַיט גודס און קימאָנאָ ארבייטער, זיינען אין א פּיעל בעסערען צושטאַנד. זייערע מיטינגען ווערען גוט בעזוכט. צו דעם לאָקאל בעלאַנגען די מיידלאך פון די הערצאָג שעפּער. מיר האָבען געהאַט א סכסוך אין דעם שאָפּ וועגען קריגען א העכערונג פאר די קאָטערס און ערשט לעצטע וואָך האָבען מיר דעם סכסוך אויסגעגליכען דורך מר. ווילליאַמס, וועלכער איז געוועזען דער מידיאייטאָר. איצט וועט מען קענען מעהר אויפּפּאַסען, אַז די מיידלאך זאָלען אויך קריגען א העכערונג. די קאָטערס וועלען די מיידלאך אין דעם זיכער העלפען".

ברודער אב. ביזנאָ, דער טשיעף־קלוירק פון די קלאָוקמאכער יוניאָנס אין שיקאַגאָ, האָט געשיקט פּרעזידענט שלעזינגער א קאָפּיע פון דעם פאָלגענדען בריעף, וואָס די יוניאָן האָט געשיקט צו דזשאַרדזש מעק, דעם טשערמאַן פון דער שיקאַגאָ'ר באָארד אָוו ארביטריישאָן אין קלאָוקטרייד. דער בריעף ענטהאַלט א צאָהל פאָרשלעגע וועגען פערשיעדענע פּראַקטישע פּונקטען, וואָס האָבען ארויסגערופען מיספערשטענדניסע צווישען דער יוניאָן און די מאַנופעקטשורערס:

„האָנאָריבל דזשוליען וו. מעק:

„די ענטשיידונג פון אייער באָארד, וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען דעם 24טען סעפּטעמבער, לויט דעם ארביטריישאָן אגרימענט צווישען אונז און די מאַנופעקטשורערס, איז שוין אין קראַפט עטליכע מאָנאַטען. מיר ווילען דאָ בעשטעטיגען מיט פערגניגען, דאָס אין אַלגעמיין ארבייט דיעזער אגרימענט גאַנץ צופריעדענשטעלענד. לויט ווי מיר האָבען ערוואַרטעט, האָבען זיך אויך ארויסגעציינט איינינע חסרונות, הויפּטזעכליך אין אַזעלכע פּונקטען וואָס זיינען אין אגרימענט ניט דערמאָהנט געוואָרען, אָדער נור אייבערפלעכליך בעריהרט געוואָרען. דאָס ברייננט צו מיינונגס־פערשיעדענהייטען און ניט קלאָהרקייט און מיר זיינען אַמאָל אין א פערלעגענהייט וועגען דעם וואָס איז ערלויבט און וואָס איז פערבאָטען לויט דיעזער ענטשיידונג.

„מיר פערלאַנגען פון אייך, צו זיין אזוי גוט און רופען א מיטינג פון באָארד אָוו ארביטריישאָן צו בעטראַכטען די נויטווענדיגקייט פון אריינבעהמען אין אייער ענטשיידונג די פאָלגענדע פּונקטען:

1. מיר געפינען, דאָס צוליעב דעם וואָס אין דער ענטשיידונג ווערט ניט אָנגעדייטעט ווי אַזוי א מאַנופעקטשורער, וואָס פערלעצט די פּונקטען פון דעם אגרימענט, דאַרף דיסציפּלינירט ווערען, קומט אויס, אַז ווען אן ארבייטס־געבער זינדיגט נעגען דער ענטשיידונג, פערלירט ער גאָרניט און ווען אן ארבייטער, א מעמבער פון דער יוניאָן, פערלעצט אפילו א ניט־וויכטיגען פּונקט פון דער ענטשיידונג, ווערט ער שווער בעשטראָפט. מיר רעקאָמענדירען דארום, דאָס אייער באָארד זאָל געבען דער באָארד אָוו אַדזשאַסטמענט דאָס רעכט ארויפצולעגען געוויסע שטראָפען אויף מאַנופעקטשורערס וואָס פערלעצען די ענטשיידונג. די שטראָף זאָל בעשטעהן פון א סומע געלד אָדער אין טשאַפּען ארבייט אויף א געוויסע צייט. די געלד זאָל געזאַמעלט ווערען אין א געמיינשאַפטליכע טרעזשורי און מען זאָל עס בענוצען אין פעלע וואו ביידע צדדים דאַרפען מאַכען געמיינשאַפטליכע אויסגאַבען.

2. די ענטשיידונג דערמאָהנט וועגען שאָפּ־טשערליימע, אָבער זי בעשטימט ניט דייטליך זייערע פליכטען און רעכטע. עס קומען אָפט מאָל ארויס סכסוכים צוליעב דעם, וואָס עס איז ניט אין גאַנצען קלאָהר וואָס א שאָפּ־טשערמאַן מעג און וואָס ער טאָר ניט טהאָן. עס זיינען געווען פעלע וואו שאָפּ־טשערליימע זיינען ענטזאָגט געוואָרען צוליעב דעם, וואָס דער טשערמאַן האָט געהאַנדעלט אין א שאָפּ, דיינקענדיג דאָס ער האָט געהאַט רעכט אַזוי צו האַנדלען און דער מאַנופעקטשורער איז געווען דאַגעגען. קלאָהרע און פעסטגעזעצטע רולס וואָס א שאָפּטשערמאַן מעג און וואָס ער טאָר ניט, דאַרפען געפאַסט ווערען אום צו פערמיידען דיעזע פעהלער. (מיר לעגען דאָ פאָר אַזעלכע רולס).

3. מיר שלאָגען אויך פאָר דאָס א רול זאָל אָנגענומען ווערען, דאָס נור די פּרייז קאָמיטע, וואָס ווערט ערוועהלט ביי א שאָפּ־מיטינג, זאָל אָנערקענט ווערען פון דעם מאַנופעקטשורער ביים מאַכען פּרייזען.

4. זינט אייער ענטשיידונג איז ארויסגעגעבען געוואָרען, האָט דער קאָונסיל אָוו קאָנסיליאַיישאָן פון דער קלאָוק אינדוסטרי אין ניו יאָרק ווידער אויפגענומען די פראַגע פון אָווערטיים און האָט בעשלאָסען, דאָס אונטער קיינע אומשטענדען זאָל שבת נאָכמיטאָג געארבייט ווערען. מיר פערלאַנגען דאָס אַזאַ

צעלנע שעפער. אין טרייד איז זעהר ביזי און די פערשידענע סטרייקס וואס זיינען גערופען געווארען אין די נייע שעפער פאר די לעצטע עטליכע וואכען, זיינען געווען זעהר ערפאלגרייך.

צווישען די רעדנער ביי דיעזע מיטינגס זיינען געווען קאנגרעססמאן מאיר לאנדאן, אסעמבלימאן שיפלאקאוו, אינטערנעשאנעל פרעזידענט שלעזינגער, דזשענ. סעקרעטער אב. באראף און ס: פאלאקאף.

דער דריטער גרויסער מיטינג איז אבגעהאלטען געווארען אין קופער יוניאן דעם 30טען דעצעמבער פאר די טשילדרען דרעססמייקערס, לאקאל 50. די אונערמידליכע ארבייט פון דער אינטערנעשאנעל יוניאן אויפצוהאלטען די לאקאלס פון די טשילדרען דרעס־מייקערס און ראפפער און קימאנא מייקערס ביים לעבען פאר די לעצטע פאאר יאהר, וועט איצט ברענגען פרוכט. דיעזע טריידס האבען דורכגעמאכט סלעק סיזאנס און אנדערע צרות, און עס איז א גרויסער חדוש ווי אזוי זיי זיינען געבליבען ביים לעבען. דער דזשענעראל אפיס האט זיי אימער געהאלפען, וויסענדיג דאס סוף כל סוף וועלען קומען בעסערע צייטען ווען מען וועט קענען די לאקאלס אוועקשטעלען אויף א פעסטען באדען. די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז געקומען צום שלוס דאס דיעזער ספרינג סיזאן איז דער פאסענדסטער פאר א ברייטער ארגאניזאציאנס־בעוועגונג אין דיעזע טריידס. עס זיינען גלייך אנגעשטעלט געווארען ספעציעלע ארגאניזערס, די ארבייטער ביי די פערשידענע פערזאמלונגען האבען זיך אבגערופען מיט בעגייסטערונג פאר דער יוניאן און פאר אן אלגעמיינע סטרייקבעוועגונג.

---

## נייעס פון שיקאגא.

בר. פ. פינקלער שרייבט:

„ביי אונז אין שיקאגא איז איצט ניט שלעכט. דער פערלאפענער סיזאן איז אפילו ניט געווען זעהר א געראטענער, אבער מען טאר ניט זינדיגען. זאל נור זיין א ספרינג סיזאן ביין וועג, וועלען מיר זיין אלל־רייט. פערגעסט ניט, אז ביז היי־יאהר זיינען אונזערע קלאוקמאכער ניט געווען געוועהנט אויפצוהאלטען א גרויסע יוניאן מיט גרויסע אויסגאבען.

„ווי איך איז בעקאנט, האבען מיר דא צוויי באסעס אסאסיאיישאנס. מיט דער גרעסערער אססאסיאיישאן זיינען מיר אין גאנץ רוהיגע בעציהונגען און מיר קומען מיט זיי ווי עס איז אויס. מיט דער קלענערער אבער, דער נארטה סייד אססאסיאיישאן, האבען מיר טראבעל אויפ'ן פור. ווען עס איז נאך געווען ארבייט, האבען זיי זיך „בעהייווט", איצט אבער, ווען עס איז געווארען סלעק, האבען זיי אין איינינע שעפער אנגעפאנגען צו דיסקרימינירען געגען די בעסערע יוניאן לייטע. פאראן דא איינער א מאנופעקטשורער, מיט'ן נאמען ה. בארנשטיין. מיט עטליכע וואכען צוריק האט ער פערמאכט זיין שאפ און האט ערקלעהרט די ארבייטער דאס ער געהט ווערען א דזשאבער. געקומען איז דאס צוליעב דעם וואס די יוניאן האט איהם ניט ערלויבט אוועקצושיקען 10 פון זיינע לייטע. מיר האבען איהם פארגעשלאגען איבערצוגעבען די זאך צו א באארד און ארביטריישאן; ער האט זיך אבער דערפון ענטזאגט. די יוניאן האט דיעזען לאקאוט אויפגענומען; מיר פערשטעהען דא גאנץ גוט, דאס דיעזער באס וויל אונז נור געבען טראבעל איצט, אין סלעק־צייט, און נאכדעם וועט ער ווייטער מאנופעקטשורען. ווי מיר פערשטעהען איז דיעזער בארנשטיין איצט אין ניו יארק און ער זוכט דארט צו מאכען זיין ארבייט שטילערהייט. מיר האפען, דאס די ניו יארקער ארגאניזאציאן וועט איהם ניט ערלויבען צו שעדיגען זיינע שיקאגא'ר ארבייטער פראנק און פריי און וועט איהם צווינגען צוריק צוגעהן נאך שיקאגא.

„מיר האבען דא א לאקאל 71 פון ליידיעס טיילארס. מיט 4 מאנאט צוריק האבען מיר זיי געראטהען אנצושטעלען א ביזנעס־אידזשענט און זעהן ארויפצוארבייטען דעם לאקאל. זיי האבען דאס געטהאן און איצט האבען זיי שוין א מעמבערשיפ פון א 100 לייטע. אין דעם טרייד ארבייטען ביי 1000 לייט. איז דא אבער אן אנדער פערלעגענהייט. אין שיקאגא געפינט זיך נאך אן אינדעפענדענט ליידיעס טיילארס יוניאן, און יענע קאנטראלירען עטליכע שעפער. אלזא האבען די ביידע עקזעקוטיווס געהאט א מיטינג און בעשלאסען זיך צו פעראייניגען, דאס הייסט, אז אונזערע זאלען אריבערגעהן צו זיי. איך בין אפילו געווען דאגעגען דעם פלאן, אבער ווי עס שיינט, איז דער פלאן א גאנץ פראקטישער. די מעמבערשיפ פון יענער יוניאן בעשטעהט פון בעהמישע און דייטשע ארבייטער און אונזערע מעמבערס זיינען זיכער, דאס ווען זיי וועלען זיך מיט זיי פעראייניגען, וועלען זיי אין א גאנץ

האב אנגעפאנגען בעזוכען אלע פירמעס און עס האט לאנג ניט גענומען, ביז זיי האבען מיך אנערקענט אלס דער פערטרעטער פון דער יוניאן און האבען מיט מיר אנגעפאנגען פיהרען פערהאנדלונגען; אין די עטליכע קייסעס וואס מיר האבען דא געהאט מיט זיי, האבען מיר געקראגען גאנץ צופריעדענשטעלענדע רעזולטאטען פאר אונזערע מעמבערס. אונזערע לייטע זיינען נאך פריש אין יוניאן־אנגעלעגענהייטען און זיי וועלען נאך דארפען קריגען א היבשע ביסעל ערפאהרונג ביז וואנען זיי וועלען פערשטעהן ווי אזוי צו פיהרען א יוניאן אויף א ריכטיגען וועג. מיר האבען דא געהאט א פאאר קליינע סטרייקס. איינעם אין דעם פרעסערס' דעפארטמענט פון דער בעטשעלדער קארסעט קאמפאני, וואו עס האט אונז גענומען א גאנצע וואך ביז מיר זיינען געקומען צו א סעטלעמענט און אלע מיידלאך זיינען געגאנגען צוריק ארבייטען צופריעדענגעשטעלט. די קאטטערס פון דער לא רעזיסטא קארסעט פעקטארי זיינען ארוים אין סטרייק געגען א רעדוצירונג פון פרייזען (זיי ארבייטען דא אלע פון שטיק). מיר האבען זיך געזעהן מיט דער פירמא און געסעטעלט דעם טראבעל און זיי זיינען אוועק צוריק צו דער ארבייט. מיר האבען זאגאר ניט געדארפט ארויסרופען די אפערייטארס, ווייל די קאטטערס זיינען אלע ארגאניזירט. אבוואהל די פירמא איז ארומגעלאפען איבער דער גאנצער שטאדט און געזוכט קאטטערס אויף דעם פלאץ פון די סטרייקערס, האט זי אפילו איינעם אויף א רפואה ניט געקענט געפינען, אבוואהל זי האט זיי צוגעזאגט פערשיעדענע גליקען. אלע היגע קארסעט קאטטערס בעלאנגען צו דער יוניאן.

„מיר טהוען אלעס וואס מיר קענען אריינצוציהען אין דער ארגאניזאציאן די מאססען פרויען וואס שטעהען נאך אויטסייד דער ארגאניזאציאן. מיר ארראנזשירען לעקטשורס, פארטיעס און אונטערנעהמונגען אום צו מאכען די מיטינגען מעהר אינטערעסאנט. מיר האבען צוטהיילט דעם לאקאל צוליעב דעם אין דריי אבטהיילונגען, אן אמעריקאנישען, אונגארישען און איטאליענישען בראנטש, כדי זיי זאלען האבען מעהר אינטערעס ביי זייערע מיטינגען. וויס־פרעזידענט קאסאמא האט גערעדט פאר דעם איטאליענישען בראנטש עטליכע מאל אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע וואכען.

אין ניו הייווען האבען מיר ארגאניזירט אין גאנצען בלויז דעם ניומאן שאפ — עטליכע הונדערט מענער און פרויען. דעם 8טען דעצעמבער האבען מיר געהאט מיט זיי דעם ערשטען מיטינג און זיי האבען אנגעפאנגען צו צאהלען דיוס. מיר זיינען אנגענעהם איבערראשט געווארען זעהענדיג אן איינגאהמע פון אריבער א הונדערט דאלאר אין דיוס יענעם אבענד. זיי נעהען האבען מיטינגען צוויי מאל א מאנאט און עס צייגט זיך אוים דאס אלעס וועט דא זיין אין דער בעסטער ארדענונג".

„די ספרינגפיעלד קארסעט וואירקערס יוניאן, לאקאל 55, האט אויך זעהר א שעהנע ארגאניזאציאן. די מיטינגען זיינען גוט בעזוכט, און מיסס ראוז שניידערמאן, וועלכע ארבייט איצט אין באסטאן, בעזוכט זייערע מיטינגען גאנץ אפט און שטעהט אין נאהענטע פערבינדונגען מיט זייער לאקאל.

---

## מעהר לעבען אין באלטימאר.

אין באלטימאר ווערט פרעהליכער ביי די קלאוקמאכער. דער אונאנגענעהמער און כאאטישער צושטאנד וואס האט דארט געהערשט פאר א לאנגע צייט און האט אנגעטהאן דער ארגאניזאציאן פיעל שאדען, פערשווינדט איצט און די בעסערע טהוער פון לאקאל האבען זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט צו פערשטארקען די ארגאניזאציאן.

בר. ברייטשטיין, וועלכער איז געווען פערבונדען מיט דעם לאקאל פאר פיעלע יאהרען, איז ווידער ערוועהלט געווארען ביזנעס־אידזשענט פון לאקאל 4 און איז איצט אריין אין אפיס. אין באלטימאר זיינען זיי איצט שטארק פערזארגט וועגען דעם ווי אזוי צו ארגאניזירען דעם סקוירט־טרייד, א טרייד וואס איז פאר די לעצטע צייט כמעט ווי אין גאנצען ארוים פון די הענד פון מענער און געווארען א פרויען־טרייד. נאטירליך איז צוליעב דעם די ארגאניזאציאנס־ארבייט אין דעם טרייד געווארען שווערער און דער לאקאל זוכט איצט א פרוי, אן ארגאנייזערין, ארויסצוהעלפען זיי אין דער ארבייט.

---

## א גוטער וויסט לאקאל אין וואוסטער.

לאקאל 43 אין וואוסטער, מאסס., שטעהט זעהר גוט. נעקסטען מאנאט קלייבען זיי זיך צו האבען א גרויסען אגיטאציאנס־מיטינג. בר.

רול זאל געפאסט װערען אויך אין שיקאגא, ערשטענס צוליעב דעם, וואס עס איז ווינשענסווערטה דאס אין אונזער טרייד זאלען אומעדום זיין דיזעלבע קאנדי־שאנס און צוניישטענס, ווייל אין אזא טרייד ווי אונזערע, וואו די סיזאנס זיינען אזוי קורץ און די סלעק אזוי לאנג, מוז אוועריטיס אויסגעמיידען װע־רען אזוי ווייט ווי מעגליך.

5. אום אז דער פונקט ועגען גלייכע צוטהיילונג פון ארבייט זאל זיין ווירקזאם און אום צו קענען דעם פונקט בעסער דורכפיהרען, רעקאמענדירען מיר, דאס דיזער רול זאל אויך אנגעווענדעט װערען גע־גען אייזעלבע בעלי בתים וואס מאכען זעלבסט א טהייל פון דער ארבייט און אויך געגען וואכען־ארביימער וואס מאכען די ארבייט פון שטיק־ארביי־טער אין געוויסע פעלע, צ. ב. ווען א סעמפעל־מא־כער מאכט די ארבייט פון אן אפעריימאר, אדער פון שטיק־פינישער. מיר גלויבען, דאס דער פרינציפ פון גלייכע פערטהיילונג פון ארבייט בעשטעהט אין דעם, דאס יעדער פון די ארביימער אין שאפ איז בערעכטיגט צו פערדיענען אזוי פיעל וויפיעל זיין שכן אין שאפ פערדיענט, און ווען דיזער רול וועט אנגענומען װערען, וועט גלייכע אויסטהיילונג ווע־רען פערווירקליכט און אויסגעפיהרט.

6. מיר געפינען דאס אונזערע ארביימער אין די שעפער ווילען נים אנגעהמען דעם אמט פון שאפ־טשערמאן, ווייל זיי דיינקען, דאס זיין א שאפ־טשערמאן הייסט ריזיקירען מיט'ן דזשאב. ווי מיר האבען שוין אנגעצייגט, איז דאס מאקע נים אונבע־גרינדעט, ווייל דער מאנופעקטשורער קליימט, דאס ער האט דאס רעכט אוועקצושיקען דעם שאפ־טשער־מאן ווען ער האנדעלט א מאל געגען דעם ווילען פון באס, דענקענדיג דאס ער האט דאס פולע רעכט אזוי צו האנדלען. מיר רעקאמענדירען דארום, דאס א רול זאל אנגענומען װערען, אז א שאפ־טשערמאן מאר נים אוועקגעשיקט װערען פאר אזא האנדלונג. דיזעלבע רול זאל זיך אויך בעציהען אויף די מעמ־בערס פון דער פרייז־קאמיטע, און ווען א מאנו־פעקטשורער האט עפעס געגען זיי, זאל ער צוערשט אנקלאגען זיי ביי דער ארביטראציאנס באארד און נור דיזע באארד זאל האבען דאס רעכט פון „דיסטשארדזשען".

7. די יוניאן זאל קריגען די נעמען און אד־רעסען פון אלע קאנטראקטארס וואס װערען בעשעפ־טיגט פון די מאנופעקטשורערס און דער רול פון גלייכע פערטהיילונג פון ארבייט זאל אויסגעפיהרט װערען אויך אין די אויטסייד שעפער; זיי זא־לען קריגען פראפארציאנעל אזוי פיעל ארבייט ווי־פיעל ארבייטער זיי בעשעפטיגען, גלייך מיט די אר־ביימער פון די אינסייד שעפער. פרייזען זאלען געסעטעלט װערען אין די אויטסייד שעפער לוים די זעלבע סטענדארדס ווי אין די אינסייד שעפער. דער סלעק סיזאן זאל הייסען ווי פאלגט: פאר דעם ספרינג סיזאן—פון דעם — — — — — — — — און פאר דעם פאלל סיזאן — — — — — — — —

א קאנטראקטאר'ס שאפ װערט אנגערופען בלויז א שאפ וואו עס װערט געניי'ט צוגעשניטענע װאארע. א סוב־מאנופעקטשורער'ס שאפ איז א פלאץ וואו ארבייט װערט צוגעשניטען און אויסגעגייט פון מאטעריאל וואס א פירמע שיקט צו, און נאכדעם ווי די גארמענטס װערען פארטיג, װערען זיי פון דעם סוב־מאנופעקטשורער צוריק פערקויפט צו דער פירמע פון וועלכענס מאטעריאל ער האט זיי געמאכט.

8. ווען די יוניאן בעשולדיגט א מאנופעקטשו־רער דאס ער מאכט ארבייט פאר א שאפ וואס איז אין סטרייק, און די ארבייטער ביי דיזען מאנו־פעקטשורער סטאפען צוליעב דעם פון דער ארבייט, זאל דיזער סטאפען נים פארעכענט װערען אלס א פערלעצונג פון אגרימענט. דער "ארביטראטשאנס באארד" זאל דיזע פראגע דאן אונטערזוכען און בעשטימען.

9. אום די ארבייט זאל ריכטיג און מיט יושר פערטהיילט װערען אין די פרעסינג־דעפארטמענטס אין די שעפער, זאלען די פאלגענדע רולס אנגענומען װערען אין די שעפער: אלע אונטער־פרעסער זאלען זיין בערעכטיגט צו פרעסען די אפענע „סיעמס" פון געלייגטע, האלב־געלייגטע און נים געלייגטע גארמענטס, ארייננערעכענט די „סיעמס" פון די ארבעל, די „ארם־האלס", די „שאלדערס", „נעקס" און ז. וו. און פרעסען אנדערע נייטיגע אר־בייט איידער מען פינישט אויס די גארמענטס ביים האנד.

10. אום דיזע אלע פונקטען זאלען בעסער דורכגעפיהרט װערען, רעקאמענדירען מיר, דאס ווען א מעמבער פון דער אסאסיאיישאן ענטזאגט זיך נאכצוקומען דעם בעשלוס פון „באארד אוו ארביט־ראטשאנס" אדער פון באארד אוו ארביטריישאן, אדער ווען אן אפיעל װערט געבראכט צו דער באארד און דער מעמבער וויל נים אויספאלגען דעם בע־שלוס, זאל אזא מעמבער פערלירען אלע זיינע רעכטע אלס מיטגליעד פון דער אסאסיאיישאן און די יוניאן האט די רעכט ביי אזא מאנופעקטשורער ארויסרו־פען א סטרייק.

דזשאינט באארד קלאוקמייקערס יוניאן אוו שיקאגא.

---

## ביי די קארסעט ארביימער.

וויס־פרעזידענט פיערס שרייבט פאלגענדעס:

„איך גלויב, אז איך און נעווי בעקאנט, דאס ווען די קאנטראקטס מיט די מאנופעקטשו־רערס אין די קארסעט־שעפער זיינען אונטער־שריעבען געווארען דורך די ארגאניזערס פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, מרס. סקאללי און מר. ראאטש, איז דער לאקאל־יוניאן נים אפיציעל אנערקענט געווארען. די ארביי־טער האבען בלויז נעקראגען דאס רעכט צו סעט־לען אלע זייערע סכסוכים דורך שאפ־קאמיטעס אין יעדען איינציגען דעפארטמענט פון שאפ.

„נאטירליך, האט עס אונז דא פון אנפאנג פערשאפט געוויסע שוועריגקייטען. איך האב איצט דיזע שוועריגקייטען בעזייטיגט. איך

# עהרליכע און פערנינפטיגע מיינונגען וועגען דער אמעריקאן פעדערישאן אף לייבאר

וואס סאציאליסטען, סאציאליסטישע און אנדערע צייטונגען זאגען וועגען דעם ענין.

## מעלות און פעהלערן

דער בולעטין פון סען-פראנציסקא זאגט אין אן עדיטאריעל פאלגענדעס:

„די אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר האט די מעלות און פעהלערן וואס מוזען עקזיסטירען צוזאמען אין אן ארגאניזאציאן, וואס שטעהט אין קאמף פאר פראגרעס און דעמאקראטיע. זי איז טיילווייז א ברויט-און-פוטער ארגאניזאציאן, ווייל זי שטרעבט צו א פערבעסערונג אין דער לאגע פון איהרע מעמבערס, און טיילווייז א רעוואלוציאנערע בעוועגונג, ווייל זי שטרעבט דערצו, אז ארבייטער זאלען ערראבערען די העכסטע מאכט צו וועלכע זיי זיינען בערעכטיגט לויט זייער צאהל און זייער ארבייט. די פעדערישאן האט אין איהרע רייהען אזוי פיעל ענטגעגענגעזעצטע מיינונגען און פערשיעדענע פאליסים אדער מעטאדען ווי עס קענען דורכשניטליך עקזיסטירען ביי 2 מיליאן מענשען. זי איז פונקט ווי אן אנדער קערפערשאפט פון צוויי מיליאן מענער און פרויען, פערמאגענדיג א ביסעל אידעאליזם, א ביסעל מאטעריאליזם, א ביסעל חכמה, א ביסעל נארישקייט. זי ווערט אבגעשוואכט דורך קנאה-שנאה, אמביציע, עגאאיזם און זי ווערט געשטארקט דערמיט, וואס סוף כל סוף האט זי אימער רעכט.

„די ערשטע זאך וואס מען מוז אנערקענען אין דער טרייד-יוניאן בעוועגונג איז, אז זי איז דער נאטירליכער פראדוקט פון אינדוסטריעלע בעדינגונגען, ווי ריעזע בעדינגונגען ווירקען אויף דעם געוועהנליכען מענש. די זעלבע אינדוסטריעלע קרעפטען וואס האבען בעשאפען דעם קאפיטאליסט און באס, האבען אויך בעשאפען די ארבייטער ארגאניזאציאן. די יוניאנס האבען זיך נאך ניט אויסגעברייט איבער דעם גאנצען אינדוסטריעלען פעלד ווי זיי דארפען עס טהאן, אבער אזוי ווייט ווי זיי האבען עס געטהאן, האלטען זיי די עקאנאמישע וואגשאל אדער גלייכגעוויכט, מעהר אדער ווייניגער. (זיי לאזען דעם באס ניט צופיעל קריכען אויפ'ן קאפ). אמת, אז לויט דער טהעאריע דאס אינדוסטרי בעשטעהט אויף קאנקורענץ, ברענגט די יוניאן נאטירליך צו א קאמף צווישען איין קלאס און א צווייטען. אבער ווענינגסטענס איז דאס בעסער ווי דער אמאליגער סיסטעם, אז איין קלאס זאל זיך ערהויבען *איבער* דעם צווייטען.

„די אינטערעסען פון ארבייט און קאפיטאל זיינען ניט די זעלבע. דער פאקט, אז יעדער פון זיי איז פארזיכטיג ארגאניזירט און בערייט אויף ווידערשטאנד, בעווייזט דעם קאנפליקט פון זייערע אינטערעסען. די ארבייטער בעוועגונג שטרעבט צו בעשריינקען די פרייהייט פון קאפיטאל און דערמיט אויך זיינע פראפיטען, פונקט ווי דער קאפיטאליזם, ווען מען לאזט איהם פריי לויפען, בערויבט ער די ארבייטער פון זייער פרייהייט און זייער וואוילזיין. פונדעסטוועגען האבען ביידע אויך געוויסע גלייכע אינטערעסען, הויפטזעכליך די אינטערעסע פון אנהאלטען די פראדוקציאן. מען דארף אויך ניט פערגעסען, אז דער קאנפליקט צווישען זיי איז טיילווייז דער רעזולטאט פון אנדערע סאציאלע סבות: אין דער היינטיגער געזעלשאפט ווענדעט זיך אן דעם אין וואספער שטאנד מען ווערט געבוירען און אן דעם מזל פון אומשטענדען: צוליעב דעם ווערען מאנכע מענשען קאפיטאליסטען און זיינען אנטאגאניסטיש צו יוניאנס, און פיעלע מוזען זיין ארבייטער און קעמפפען אין די טרייד-יוניאן טרענטשעס.

„די ארבייטער-בעוועגונג קען ניט פערניכטעט ווערען. זי איז א פאלקס-בעוועגונג און די פאלקס זאך וועט קיינמאל ניט בעזיעגט ווערען, סיידען מען זאל פערניכטען יעדען מאן, פרוי און קינד. די בעוועגונג וועט פיליכט ענדערען איהר פארמע. אזוי ווי זי האט נאך ניט ארומגענומען אלע געניטע און אונגעניטע ארבייטער אין אמעריקא, איז נויטיג אז זי זאל ענדערען איהר פארמע. אבער, ווי זי שטעהט און געהט, מיט אלע איהרע אונפאלקאמענהייטען, איז זי פארט א בראווער און נויטווענדיגער קעמפפער פאר די פרייהייט און רעכטע, וואס ווערען ניט דערמאהנט אין דער קאנסטיטושאן אדער אין דער צייט פון'ם פאליטישען קעמפיין.

„מיט איהר קאמף פאר בעסערע געזעצע

באראט, פון ניו יארק, וועט רעדען. דער קעמפיין צווישען די ווייסט־מייקערס אין באסטאן וועט אויך האבען א גרויסע ווירקונג אויף וואורסטער, ווייל די וואוסטער מאנופעקטשורערס פערקוקען זיך איממער אויף באסטאן און פאסען אויף וואס דארט טהוט זיך.

די גרופע קארסעט מיידלעך, וואס מיס שניידערמאן האט דארט ארגאניזירט מיט עטליכע מאנאטען צוריק, שטעהט פעסט צוזאמען און האלט אב מיטינגען פון צייט צו צייט אונטער דער אויפזיכט פון דער סענטראל לייבאר יוניאן. זיי זיינען ענטשלאסען דאס אזוי שנעל ווי דער סיזאן וועט זיך אנהויבען, אין יאנואר, וועלען זיי אנפאנגען א שטארקע בעוועגונג צווישען די ארבייטער פון דער ראיאל וואוסטער קאמפאני. זיי האבען א פאסענדען עלעמענט פאר א גוטער יוניאן.

---

## לאקאל 1 עפענט א רענד־סקוהל קלאס פאר זיינע מעמבערס.

די רענד־סקוהל קורסען, וואס דער דושענעראל אפיס האט געהאט לעצטען יאהר, זיינען דיעזען יאהר ניט ווידערהאלט געווארען. די לאקאלס האבען זיך אויף דיעזען פלאן ניט אבגערופען ווי מען האט ערווארט און די לעקטשורס צו ענדע פון טערמין זיינען אזוי שוואך בעזוכט געווארען. דאס מען האט ניט געהאלטען פאר ראטהזאם די קורסען אנצוהאלטען.

לאקאל 1, די קלאוק אפערייטארס, האבען אראנזשירט מיט דעם איסט סייד בראנטש פון רענד־סקוהל צו האבען א קלאס פון 50 פערזאן דיעזען ווינטער. איצט האט שוין דער קלאס אנגעפאנגען דעם קורס און זיי לערנען גוטע האפנונגען דאס די פערשריעבענע מעמבערס וועלען דעם קלאס אויפהאלטען מיט ערפאלג.

---

## די רענד־סקול עפענט א נייע אבטיילונג.

די יוניאנס פון אונזער אינטערנעשאנעל, וואס האבען אין דער פערגאנגענהייט געמאכט פערשיעדענע טרייד־אונטערזוכונגען, וועלען געווים זיך פעראינטערעסירען מיט די נייעס, דאס די רענד־סקול, דער ארבייטער קאלעדזש פון ניו יארק, האט איצט געעפענט אן אונטערזוכונגס־דעפארטמענט, מיט דעם צוועק צו שאפען פאר דער ארבייטער בעוועגונג אינפארמאציאן, געזאמעלט אויף א וויסענשאפטליכען אופן, אין וועלכע זי נויטיגט זיך זעהר אפט און פאר וועלכע זי האט ביז איצט ניט געהאט קיין אייגענע אינסטיטוציאן. צווישען די פיעלע קאנקרעטע פראבלעמען וואס אונזערע יוניאנס האבען געהאט צו שליכטען, זיינען געווען די פראגען פון גלייכע סטענדערדס אין די קלאוק און סוט און וויסט און דרעס־אינדוסטריען, וואס האבען געפאדערט זעהר קאסטבארע אונטערזוכונגען, פאר וועלכע די יוניאנס האבען בעצאהלט שווערע געלדער. אום צו קריגען דיעזען מאטעריאל אין פאקטען, האט די ארבייטער בעוועגונג געמוזט פערלאזען זיך אויף אויסערע אדער ציטווייליגע קוועלען. דאס ארגאניזירונג פון דיעזען דעפארטמענט וועט בעגריסט ווערען פון דער ארבייטער בעוועגונג אלס א נייע וואפע אין איהרע הענט — א וואפע וואס וועט איהר שאפען די מעגליכקייט צו קריגען די פאקטען וועגען דער עקאנאמישער לאגע פון די ארבייטער און וועגען די בעסטע קאמפפס־מעטאדען וואס זיי קענען בענוצען פאר זיך דורך אן אייגענער און פריינדליכער ארגאניזאציאן.

---

**אן ערצעהלונג פון דעם בעריהמטען שריפטשטעלער שלום אש אין נעכסטען נומער „ליידיס גארמענט ווארקער“.**

מיר ווילען ניט זיין פערזאָרגט פאַר אונזער אַלגעמיינעם פּראָגרעס און שוץ, ווילען מיר ניט אימשטאַנד זיין צו פערטהיידיגען זיך געגען די פּלינער און מאַכערייען פון די אַגענטען און מעךערעטער פון די „גרויסע אינטערעסען“ (קאַפּיטאַליסטען). ־זיט זיכער — דיעזע אינטערעסען ווילען אַרבייטען געמיינשאַפטליך פאַר זייער אייגענעם פּראָפיט און גרויסקייט. זיי ווילען ניט ערלויבען, אַז די געפיהלען פון איינצעלנע מענשען זאָלען שטערען זייער ענדליכען ציעל.

„אַט דאָס איז — זאָגט די „סט. לואיס לייבאָר“ — די שטימע פון געזונדען פערשטאַנד, דער אמת'ער גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם“.

---

## די מיינונגען פון אַנדערע סאָציאַליסטען.

אַט איז נאָך אַן ערליכע מיינונג פון א גרויסען סאָציאַליסט. ער איז קיין אַנדערער ווי וויליאַם מאָררים פיינענבוים, דער עלטערער זוהן פון אונזער אַלטען גענאָסע ב. פיינענבוים. דער יונגער פיינענבוים איז איינער פון די עדיטאָריעלע שרייבער פון „ניו יאָרק קאָלל“ און, נאַטירליך, א גוטער פּאַרטיי־מאַן. אַט וואָס ער זאָגט:

„די אַמעריקען פעדערייש'ן אָף לייבאָר איז איצט פערזאַמעלט אין סען־פראַנציסקאָ. אַט דיעזע גרויסע קערפּערשאַפט, וואָס פערטרעט 2 מיליאָן אַרבייטער, מענער און פרויען, איז א לעבעדיגער פּראָטעסט פון דעם אַרבייטער קלאַס געגען דעם איצטיגען צושטאַנד. איהרע זיצונגען ווילען מעהר ענטוויקלען די אַרבייטער בעוועגונג. די פערזאַמלונגען, די רעדעס און די קאָנפערענצען ווילען ברייגגען דערצו, אַז דער אַרבייטער קלאַס וועט מאַכען גרעסערע שריט פאָרווערטס.

„די פעדערייש'ן שליעסט ניט איין יעדען אַרבייטער אין אַמעריקאַ. עס איז אוודאי צו בעדויערן, אַז הונדערטער טויזענדער אַרבייטער זאָלען שטעהן אויסערהאַלב דער גרעסטער אָרגאַניזאַציאָן וואָס פערטרעט אַלע אַרבייטער, און אַז מיליאָנען אַרבייטער זאָלען ניט זיין אָרגאַניזירט. אָבער מיר מוזען זיך רעכענען מיט פאַקטען, ניט מיט חלומות. היינט שטעלט דיעזע קערפּערשאַפט מיט זיך פאַר די מאַסע אָרגאַניזירטע אַרבייטער.

„עס געפינט זיך קוים איין מענש וואָס גלויבט, אַז די אָרגאַניזאַציאָן איז פאָלקאָמען. דער שווארצער רעאַקציאָנער, דער פערביסענער באַס, דער בורבאָן*) גלויבען, אַז די פעדערייש'ן איז א באַנדע ווילדע רעוואָלוציאָנערען פון בלוט, מאָרד און פייער. די גרויסע מאַסע סאָציאַליסטען פיהלען, אַז אונטער איהר איצטיגער פיהרערשאַפט נעהט די פעדערייש'ן אין ערגיץ ניט; זיי וואָלטען געוואָלט זעהן א בעשטימטע שטרעבונג צום סאָציאַליסטישען אידעאַל. אָבער די גרויסע מאַסע סאָציאַליסטען וועלכע אַרבייטען ביי זייער טרייד, זיינען מיטגליעדער פון דיעזער קערפּערשאַפט און האָבען א רעכט צו טרייען קאָרעקטירען וואָס, נאָך זייער מיינונג, עס זיינען איהרע טעות'ן, דורך איבערגעבענהייט און ערנסטע און טהעטיגע אַרבייט אין די יוניאָנס.

„די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַלס א קערפּערשאַפט פערלאַנגט פון איהרע מיטגליעדער צו זיין מיטגליעדער אין זייערע טרייד־יוניאָנס. עס פרעהט די סאָציאַליסטען צו זעהן, אַז זייערע גענאָסען ווערען ערוועהלט פאַר פעראַנטוואָרטליכע עמטער אין די אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען. עס פרעהט זיי צו זעהן אַז סאָציאַליסטען פיהרען אַרבייטער קעמפּפע פאַר בעסערע לעבענס־בעדינגונגען, און זיי ערוואַרטען גערן דעם טאָג ווען די פעדערייש'ן וועט געפיהרט ווערען פון סאָציאַליסטען.

„עס זיינען געווען א סך דעבאַטען וועגען דער פעדערייש'ן אונטער דער איצטיגער פיהרערשאַפט. אָבער אַפילו אין די פינסטערסטע צייטען, ווען די אַרבייטער־בעוועגונג איז פערעכטיגט געוואָרען אַם מייסטענס, איז קיינמאָל ניט בעוויזען געוואָרען די מינדסטע אונעהרליכקייט וועגען די פיהרער פון דער פעדערייש'ן. די סאָציאַליסטען האָבען בלויז קריטיקירט די פּאָליסים און טהעאָריען פון דער בעוועגונג, אָבער ניט איהר עהרליכקייט.

„די סאָציאַליסטען קענען זיך פערגינען צו בעגריסען דיעזע מאַסען־בעוועגונג פון מיליאָנען אַרבייטער. יעדער מאַן און פרוי וואָס שליעסט זיך אָן דער אַרבייטער־בעוועגונג, ווי רעאַקציאָנער, ווי קאָנסערוואַטיוו ער זאָל ניט זיין, טהוט ער דאָס אויס אונצופריעדענהייט. יעדער אַרבייטער שליעסט זיך אָן ווייל ער פיהלט, אַז עס איז עפּעס דער מעהר. זיי קענען עס פערלייכט ניט ערקלעהרען, אָבער יעדער איינער ווערט א מיטגליעדער אין זיין יוניאָן אַלס א פּראָטעסט געגען ע ט ו ו אַ ס.

*) בורבאָן איז געווען דער פאַמיליען־נאָמען פון די פראַנצויזישע קעניגליכע־דינאַסטיע פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

האט די ארבייטער־בעוועגונג שוין פיעל אויפגעטהאן. איהר קאמפף איז ניט נור דער קאמפף פון די היינטיגע ארבייטער, זאנדערן פון אלע מענשען—קאפיטאליסטען און ארבייטער, רייכע און ארימע, יוניאן־לייט אדער ניט־יוניאן־לייט— וועלכע דענקען איבערצולאזען קינדער אין דער וועלט און ווילען אז זיי זאלען האבען א בעסערע און מעהר דעמאקראטישע וועלט".

* * *

אויב די דאזיגע מיינונג איז פיליכט ניט שטארק ראדיקאל, לאמיר הערען מיינונגען פון ראדיקאלערע קוועלען. די „סענט־לואיס לייבאר", דער ארגאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי אין סענט־לואיס, זאגט פאלגענדעס וועגען דער לעצטער קאנווענשאן אין סען־פראנציסקא:

„בנוגע דער ארבייט פון דיעזען גרויסען נאציאנאלען ארבייטער פארלאמענט, קענען מיר אויסטייטשען ,קריטיקירען, ציהען שלוסען און אויסדריקען אונצופריעדענהייט, דערפאר וויל געוויסע ראדיקאלע אדער סאציאליסטישע רעזאלוציאנען זיינען ניט אנגענומען געווארען, אדער מיר קענען ארונטערדרייסען געוויסע פערזאנען. עס מעג זיך זיין רעכט אדער אונרעכט צו קריטיקירען און אויסטייטשען. אבער ווען מען נעהמט אין בעטראכט אז עס שטעהט דער טרייד־יוניאניסטישער און סאציאליסטישער בעוועגונג אין דער גאנצער וועלט איצט פאר דער ערנסטער קריזיס אין איהר היסטאריע, האלטען מיר עס פאר אונזער פפליכט צו פערגעסען קלייניגע, זייטיגע זאכען און דיינקען וועגען דער ריעזיגער ארבייט וואס די פראלעטארישע בעוועגונג האט צו טהאן אין יעדען לאנד. די אונבעדייטענדע קריגעריייען און אויפרעגענדע ווערטער־שטרייטען ביים קאנווענשאן, פון וועלכער אורזאכע זיי זאלען ניט קומען, וועלען ענדליך ברייגגען נוטען פאר דער גאנצער בעוועגונג. שוין דער פאקט אליין, אז די גאמפערס, די גערמערס און די איבריגע עקסטרעמיסטען קענען פריי און אונגעשטערט ארויסזאגען זייערע געדאנקען פאר די ארבייטער רעלעגאטען און פאר דער עפענטליכער מיינונג פון גאנצען לאנד, מוז בעטראכט ווערען אלס א גרויס געווינס; דאס איז א סימן, אז די אמעריקאנישע טרייד־יוניאן בעוועגונג, ווי זי ווערט רעפרעזענטירט פון דער אמעריקען פעדערייזשאן אף לייבאר, איז, אין גרונד גענומען, א געזונדע קערפערשאפט. אויף דער אנפראגע פון דעלעגאט בעווין פון ענגלאנד, צי ער מעג ארויסזאגען אלעס וואס ער דענקט, האט וויס־פרעזידענט דאנקען, וועלכער איז גראד דאן געווען דער פארזיצענדער, געענטפערט:

„די קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעד. אף לייבאר איז די פרייעסטע פלאטפארמע אין דער וועלט און דער דעלעגאט קען זאגען וואס ער וויל און ווי ער וויל".

„דאנקען'ס ענטפער איז ניט א האאר איבערטריבען. עס איז אויך ניט איבערטריבען צו זאגען, אז די יעהרליכע קאנווענשאנס פון דער אמעריקען פעד. אף לייבאר שטעלען מיט זיך פאר מעהר אינטעליגענץ, מעהר סיסטעמאטישע אנשטרענגונג צו ערהויבען די געזעלשאפט און אויסבעסערען די בעדינגונגען, ווי ביידע הייזער פון יונייטעד סטייטס קאנגרעס און אלע קאפיטאליסטישע סטייט לעדזשיסלייטשורס פון אמעריקא צוזאמענגענומען.

„די טרייד יוניאן בעוועגונג אין אמעריקא טהוט א וויכטיגע ארבייט אויף איהר אייגענעם אופן. אין דיעזער שווערער ארבייט ערהאלט זי זיעגע, נידערלאגען און מאכט מיסטייקס פונקט ווי מיר פאליטיש־ארגאניזירטע סאציאליסטען.

„די אמעריקען פעד. אף לייבאר האט קיינמאל ניט מורא געהאט צו פערעפענטליכען די פאקטען און ציפערען וועגען איהר טהעטיגקייט. זי האט פערעפענטליכט דעם פאקט, אז זי האט פערלארען מיטגליעדער. דאס דארף ניט ענטמוטיגען. האבען מיר אין דער סאציאליסטישער פארטיי ניט פערלארען פערהעלטניסמעסיג מעהר מעמבערס? דער קריזיס צוליעב דער מלחמה האט דיעזען פערלוסט געמאכט אונפערמיידליך . . .

„אין דעם רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל וועגען „אינטערנאציאנאלען פריעדען און מלחמה" געפינט זיך פאלגענדעס:

עס פערשטעהט זיך, אז די ערפאהרונגען און די רעזולטאטען פון דער מלחמה וועלען בעשאפען ביטערקייט. אבער די ארבייטער איבעראל מוזען אוועקלעגען אן א זייט זייערע פערזענליכע פאראורטהיילע און זייערע געפיהל־אויפרעגונגען וואס האבען א שייכות מיט זייערע אידעאלען, כדי צו ארבייטען געמיינשאפטליך פאר דער אלגעמיינער טובת פון דער מענשהייט. אלס מיטגליעדער פון א גרויסע וועלט־געזעלשאפט זיינען די אינטערעסען פון אונזער לעבען ענג פערקניפט און מיר קענען ניט, אפילו ווען מיר זאלען עס וועלען, בעשיצען אונזערע אינטערעסען אבגעזונדערטערהייט, וויבאלד

# די אַרבייטער און אַרבייטער בעוועגונג אין יאַפּאַן

**לויט די ידיעות וואָס איינער פון די יאַפּאַנישע פראַטערנאַל דעלעגאַטען האָט מיטגעטיילט ביים קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר אין זיין רעדע.**

פון ב. סוזוקי.

(פון דער רעדאַקציע. — אין פערלויף פון קאָנווענשאָן, האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין ניו יאָרק, אַז דער גייסט פון דיעזער קאָנווענשאָן איז אַזוי פינסטער רעאַקציאָנער, אַז מען האָט זאָגאַר נים צוגעלאָזען די דעלעגאַטען פון יאַפּאַן. דער בעסטער סימן אַז דאָס איז געווען אַ פּשוט'ע רכילות איז די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע רעדע פון פראַטערנאַל דעלעגאַט סוזוקי.

דער דעלעגאַט איז פאָרגעשטעלט געוואָרען פון וויס־פּרעזידענט דאַנקען, וועלכער איז גראָד דאַן געווען דער פאָרזיצענדער, און ער האָט ערקלערט, אַז די קרעדענשעל קאָמיטע האָט איינגעבראַכט דעם פאָלגענדען בעריכט צום קאָנווענשאָן:

„מיר האָבען ערהאַלטען קרעדענשעלס פון ב. סוזוקי און ס. יאָשימאַטסו פון יאַפּאַן, וועלכע פערטרעטען דעם יאַפּאַנישען „אַרבייטער פעראיין פאַר געגענזייטיגע הילפע". מיר רעקאָמענדירען, אַז די קאָנווענשאָן זאָל זיי בעווייזען העפליכקייט און געבען זיי די געלעגענהייט צו האָבען דאָס וואָרט". וויס־פּרעזידענט דאַנקען ערקלערט:

„דיעזע צוויי דעלעגאַטען זיינען געקומען צו אַ מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל לעצטען סעפּטעמבער און פערלאַנגט מען זאָל זיי אויפנעהמען ביי דיעזער קאָנווענשאָן. זיי פערטרעטען אַן אַלגעמיינע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן. איך האָב גרויס פערגניגען פאָרצושטעלען פאַר דער קאָנווענשאָן ב. סוזוקי פון דער ווייטער יאַפּאַן".

## ב. סוזוקי'ס רעדע.

איך האַלט עס פאַר דער גרעסטער עהרע און פאַר אַ פּריווילעגיע דאָס איהר האָט מיר ערלויבט צו זיין צווישען אייך — די פיהרער פון די מעכטיגסטע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען אין דער וועלט — און ברענגען אייך דעם הערצליכסטען גרוס פון די אַרבייטער פון מיין לאַנד. איך קום אַהער, פערטרעטענדיג דעם יאַפּאַנישען „אַרבייטער פעראיין פאַר געגענזייטיגע הילפע" מיט די בעסטע ווינשע צו אייך, מיינע אַמעריקאַנער קאַמעראַדען.

ווען איך זאָג אַז איך פערטרעט אַן אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָן אין יאַפּאַן, וועלען מאַנכע פון אייך פיליייכט צווייפלען, אויב עס פאַראַן אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן אין מיין לאַנד. אַנדערע ווידער וועלען זיך וואונדערען, אויב עס איז גאָר מעגליך, אַז צווישען די יאַפּאַנישע אַרבייטער זאָלען זיך געפינען אַזעלכע וואָס האָבען גענוג גייסט און זעלבסט־בעוואוסטזיין צו אָרגאַניזירען אַן אַרבייטער בעוועגונג. נאָך אַנדערע גלויבען אמת, אַז די יאַפּאַנישע רעגיערונג פערבאָט שטרענג די עקזיסטענץ פון אַן אַרבייטער בעוועגונג, און אַז אַן אַרבייטער אין יאַפּאַן לעבט בלויז ווי אַ שקלאַף אין בעצוג צו שכירות אָדער מאַשינעריע. איך גלויב, אַז עס איז מיין פפליכט צו ענטפערען אויף אַלע דיעזע פראַגען.

יאַפּאַן איז איינע פון די עלטסטע לענדער אין דער וועלט און אין דער זעלבער צייט איינע פון די יינגסטע. זי איז אַלט, ווייל איהר היסטאָריע געהט צוריק 2.600 יאָהר, און זי איז יונג, ווייל עס איז אין גאַנצען 50 יאָהר זינט זי איז בעוואוסט געוואָרען אין דער וועלט. ביז דאַן איז זי געווען אין אַ לאַנגען שלאָף אונטער אַ סיסטעם פון פאַנטשיזנע. צוליעב דעם וואָס זי איז אַן אַלטע לאַנד, זיינען פאַראַן געוויסע אומשטענדען, מנהגים און מאָדעס וואָס זיינען נים אין איינקלאַנג מיט'ן פּראָגרעס. און אַלס אַ נייע לאַנד מוז נויטווענדיגערווייזע עקזיסטירען אונפאָלקאָמענהייט און אונאָרדענונג. אַלע דיעזע נייע און אַלטע קרעפטען זיינען אַ שטענדיגע צרה פאַר אונזער אַרבייטער בעוועגונג.

די היינטיגע יאַפּאַנישע ציוויליזאַציע איז כמעט אין גאַנצען אימפּאָרטירט געוואָרען פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. אָבוואָהל די גוטע זייטען פון דער אָריענטאַלישער ציוויליזאַציאָן, וואָס עקזיסטירט זינט די לעצטע 3.000 יאָהר, זיינען נאָך ניט אין גאַנצען פערשוואונדען געוואָרען, האָט אָבער די ציוויליזאַציע פון מערב־אייראָפּאַ געהאַט גרויס איינפלוס אויף אונזער בילדונג, פּאָליטיק, רעליגיאָן, מיליטערישע אַנגעלעגענהייטען, אַרכיטעקטור, קליידונג, שפּייז, האַנדעל און אינדוסטרי. בעזונדערס איז די מאָדערנע אינדוסטרי דורכאויס אַריינגעבראַכט געוואָרען פון אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. די יאַפּאַנישע אינדוסטריען אין דער פערגאַנגענהייט, זיינען געפיהרט געוואָרען דורך האַנד־אַרבייט און אַרבייט

„די אַרבייטער בעוועגונג איז אַ מעכטיגער פּראָטעסט, אַ קאַמפּף געגען קאַפּיטאַליזם. און צו וועלכער פּאָליטישער פּאַרטיי די יוניאָן־לייט בעלאַנגען, פיהרען זיי, בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט, אַלץ דעם זעלבען קאַמפּף ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

„לאָמיר אַרבייטען אין דער אַרבייטער־בעוועגונג אַזוי פלייסיג ווי מיר אַרבייטען אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. לאָמיר זיך אַנשליעסען אָן אונזערע ברידער אַרבייטער, אָן זייער גרויסען קאַמפּף געגען קאַפּיטאַליזם. נור דאַן וועלען מיר פערדיענען דאָס רעכט צו פערלאַנגען פון זיי, אַז זיי זאָלען אָננעהמען אונזער בעגריף פון אַרבייטער פּאָליטיק! די קאָנווענשאָן אין סאַן־פראַנציסקאָ איז אַ גרויסע פערזאַמלונג, אַ בעדייטענדע פערזאַמלונג. זי טראָגט אין זיך די זאַמען פון אַ שעהנערע און בעסערע געזעלשאַפט".

---

לאָמיר ברייננען נאָך אַ מיינונג פון אַ סאָציאַליסט און טרייד־יוניאָניסט פון ענגלאַנד, דאָרט וואו ביידע פליגלען פון דער אַרבייטער בעוועגונג וויינען אין פיעלע הינזיכטען פעראייניגט. מיר מיינען דאָ ערנעסט בעווין. איינער פון די ברוטישע דעלעגאַטען ביים קאָנווענשאָן אין סען־פראַנציסקאָ. בעווין איז דער אָרגאַניזער פון די דאָק און עהנליכע אַרבייטער ביי די ענגלישע האַפענס. ער רעדט נאַטירליך וועגען דער אַרבייטער בעוועגונג אין ענגלאַנד, אָבער וואָס ער זאָגט, האָט אַ גרויסע שייכות צו דער בעוועגונג אין אַמעריקאַ. זיין מיינונג איז ווי פאָלגט:

„נאָך אַלעס קענען די פיהרער ניט גערן שנעלער ווי די מעמבערס און זיי קענען ניט לאַנג איינהאַלטען די בעוועגונג פון געהן פאָרווערטס. מיר האָבען אויסגעפונען, אַז דער גרינגסטער וועג צו בעזייטיגען דעם קאָנסערוואַטיזם פון די פיהרער איז ניט דורך פערזענליכע אַטאַקעס. מיר דאַרפען אנערקענען, אַז דער קאָנסערוואַטיווער בליק קומט מיט דער ענטוויקלונג פון דער צייט — דער רעבעל אין דער יוגענד איז אַ קאָנסערוואַטאָר אויף דער עלטער. מיר האָבען געלערענט צו שעצען די אַרבייט וואָס זיי האָבען אויפגעטהאָן אין זייער צייט, און צו געהן פאָרווערטס דורך אויפקלערונגס־מיטלען.

מיר האָבען געמאַכט גרויסע אָנשטרייננונגען צו ערהאַלטען געוויסען אין נ י ט צ ו קעמפּען אינערליך אין דער בעוועגונג. פאַר די אונגעדולדיגע שייגען דיזע מעטאָדען צו זיין לאַנגזאַמע; פאַר דעם אידעאַליסט זיינען זיי פיעל מאָל די שנעלסטע.

„נאָך לאַנג פאַר דער מלחמה האָט עקזיסטירט אַ גרויסער פערלאַנג צווישען אַרבייטער צו פערלאָזען די אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען. דאָס האָט זיך ניט אַזוי ווייט געצייגט אין די פּאַרטייען ווי אין די יוניאָנס גופא. אין מיין יוניאָן, וואָס האָט ברענטשעס אין פיעלע שטעדט, האַלטען מיר אָב מאָנאַטליך אויפקלערונגס־פערזאַמלונגען. מיר ברייננען פאַר פאַר אונזערע מעמבערס פערשיעדענע פראַגען און מיינונגען וועגען סאָציאַלע ענטוויקלונג און מיר האָבען עס געבראַכט אַזוי ווייט, אַז עס ווערט אָבגעהאַלטען ביי דער אַרבייט, אויף דער שיף גופא, אַ קלאַס אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

איך בין מיט דער מיינונג, אַז וואָס מיר דאַרפען טהאָן איז ניט אַריינצולעגען אין דעם אַרבייטער'ס מוח אַ פיקסע, פאַרטיגע טהעאָריע, זאָנדערן צו ענטוויקלען זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען אַזוי, אַז ער זאָל קענען ב ע נ ר י י פ ע ן אידעען און אויך קענען אַ נ אַ ל י ז י ר ע ן די אידעען...

טראָץ די האָפנונגען פון אונזערע געגנער, אַז עס וועט פאָרקומען אַ שפּאַלטונג אין דער בעוועגונג, וועט זי פאָרט בלייבען פעראייניגט. עס וואַקסט און ענטוויקעלט זיך אַ געפיהל אין דער אַרבייטער־בעוועגונג אין ענגלאַנד צו רעספּעקטירען מיינונגען וועלכע מען איז ענטשיעדען דאַגעגען. דערפאַר האָבען מיר געזעהן די ערהאַבענע סצענע ביים טרייד־יוניאָן קאָנגרעס, דאָס ווען רעמזי מעקדאָנאַלד*) איז ערשיענען אין האַלל, און טראָצדעם וואָס אַ זעהר גרויסע צאָהל דעלעגאַטען זיינען איצט מיט איהם ניט איינפערשטאַנען, פונדעסטוועגען האָבען זיי איהם געגעבען די גרעסטע אָוואַציע וואָס אַן אַרבייטער פערטרעטער אין ענגלאַנד האָט ווען עס איז געהאַט. מען האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז מעקדאָנאַלד האָט אַרויסגעצייגט אויסערגעוועהנליכען קוראַזש, דערמיט וואָס ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיינע איבערציינוננען.

---

*) רעמזי מעקדאָנאַלד איז איינער פון די פיהרער פון דער „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטי", און אַן ענטשיעדענער געגנער פון דער מלחמה מיט דייטשלאַנד.

לעהרער, שטאאטסלייט און פינאנצירען. זייער צוועק איז צו שטודירען פערשיעדענע פראבלעמען פון א וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט, אום צו פערבעסערען דעם צושטאנד פון אונזער געזעלשאפט און לינדערען די איבלען פון דעם אינדוסטריעלען סיסטעם. דער פעראיין, מיט זיין טיעפער סימפאטי פאר דער איצטיגער לאגע פון די ארבייטער אין יאפאן, האט פיעל בייגעטראגען צו פערבעסערען די ארבייטס־בעדינגונגען און ערהויבען די ארבייטער.

איך וויל אייך מיטטיילען, אז די יאפאנישע ארבייטער ערוואכען. דער שטענדיגער עקאנאמישער דרוק, און די פערברייטונג פון אינפארמאציאן דורך בילדונג, עפענט זיי די אויגען צו זייער לאגע. די הויפט־אורזאכען וואס האבען געבראכט צו זייער ערוואכונג זיינען דאס סיסטעם פון געצוואונגענע בילדונג און די אלגעמיינע פערברייטונג פון צייטונגען, זשורנאלען און אנדערע שריפטען. אין 1912 האבען מיר ארגאניזירט דעם „ארבייטער פעראיין פאר גענענזייטיגער אונטערשטיצונג“ און אין די 3 יאהר פון זיין עקזיסטענץ איז ער שטארק געוואקסען אין צאהל. היינט האט ער שוין 52 בראנטשעס און 10 טויזענד מיטגליעדער.

עס פערשטעהט זיך, אז עס קען ניט זיין קיין שום פערגלייך צווישען אייער גרויסע ארגאניזאציאן און אונזערע. אייער ארגאניזאציאן איז אבער מיט 32 יאהר עלטער פאר אונזער „קינד“. אויב איך'האב ניט קיין טעות, איז פרעזידענט גאמפערס 62 יאהר אלט, וועהרענד איך, דער פרעזידענט פון אונזער פעראיין, בין ניט מעהר ווי 30 יאהר אלט. אין 32 יאהר ארום, וועט אונזער פעראיין זיך אזוי ענטוויקלען, דאס ווען מיינע תאר וועלען ווערען אזוי גראה ווי די פון אייער בכבוד'ען פרעזידענט, בין איך זיכער אז אונזער ארגאניזאציאן וועט זיין אזוי מעכטיג ווי אייער גרויסע אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר. מיר זיינען געקומען אהער לערנען פון אייך די סודות פון אייער ערפאלג און צוהערען זיך צו אייער פריינדליכען ראטה. מיר בעטראכטען אייך אלס אונזער עלטערען ברודער. אייער לייטונג און קאאפעראציאן וועלען געבען א טרייב פארווערטס די ארבייטער בעוועגונג פון יאפאן.

איך האב געלערנט אין יאפאן, אז די ארבייטער האבען קיין נאציאנאלע גרעניצען; זיי ארבייטען פאר דער וועלט, פאר דער גאנצער מענשהייט. קיינע הויכע בערג אדער ברייטע אקעאנען קענען פערניכטען די אמת'ע פריינדשאפט פון די ארבייטער אין וועלכען טהייל וועלט זיי זאלען ניט זיין. די ארבייטער האבען געמיינשאפטליכע אינטערעסען און אן אלגעמיינעם שונא. מיר, ארבייטער פון דער וועלט, מוזען מארשירען אלץ ווייטער אום צו ערגרייכען אונזער ציעל, אונגעאכטעט אויף ראסע, רעליגיאן אדער נאציאן. בעטראכט נור די אונגעהויערע מאכט פון'ם קאפיטאליזם. זיי פעראייניגען זיך און קעמפפען צוזאמען פאר זייערע אלגעמיינע אינטערעסען, ניט קוקענדיג אויף דעם אונטערשיעד פון שפראך אדער קאליער. זאלען מיר דען אנדערש טהאן? אויער גרויסער דזשארדזש וואשינגטאן האט געזאגט וועגען זיינע דיענער, אז „אויב זיי זיינען נור גוטע ארבייטער, דארפען זיי בעקומען גלייכע בעהאנדלונג, צי זיי זיינען פון אזיען, אפריקא אדער איירא־פא; צי זיי זיינען מחמראנער, אידען, קריסטען אדער אטהעאיסטען“.

פאראורטהייל איז א שונא פון דעם ארבייטער. מיספערשטענדניס איז א שונא פון דעם ארבייטער. האס איז א שונא פון דעם ארבייטער. מיר דארפען ארבייטען צוזאמען און טרייען פערשטעהן זיך און זיין פריינדליך איינער צום צווייטען. אנשטאט צו זיין ווי א ספארע שאף וואס ווערען געטריבען אין יאמקע, דארפען מיר זיך אברופען אויף דער אויפפאדערונג צו געהן אין קאמפף און קעמפפען מוטיג מיט דעם איינציגען ציעל צו בריינגען גערעכטיגקייט און פריעדען. איך גלויב, אז ווען עס וואלט געווען א ריכטיגע פערשטענדיגונג און געגענזייטיגע קאאפעראציאן צווישען די ארבייטער אין איירופא, וואלטען זיי געווען געקענט פערהיטען דעם איצטיגען אונגליק.

אין די לעצטע 4 מאנאטען פון אונזער זיין אין די פעראייניגטע שטאאטען, זיינען מיר, מיין פריינד יאשיטאמאטו און איך, בעהאנדעלט געווארען זעהר פריינדליך און העפליך ביי אונזערע אמעריקאנישע קאמעראדען און מיר פיהלען שטארק די סאלידאריטעט וואס מען האט אונז געצייגט. ווען מיר וועלען צוריקקומען אין יאפאן, וועלען מיר ניט נור מיטטיילען אונזערע קאמעראדען אין דער היים ווי פיין מען האט אונז דא אויפגענומען, זאנדערן מיר וועלען אויך נאכטהאן אייער ביישפיעל און זעהן ערהויבען די ארבייטער אין יאפאן און אויסבעסערען זייערע בעדינגונגען. לאמיר בלייבען קאמעראדען אויף אייביג!

אין דער היים. עס איז סך הכל 30 יאהר זינט דער פייף פון דער דאמפף־מאשין הערט זיך אין אונזערע שטעדט און דערפער. יאפאן איז א קליינע לאנד און איהר ארבייטס־פעהיגקייט איז נאך ניט ענטוויקעלט. איהרע ארבייטער זיינען נאך ניט אזוי קלאסיפיצירט ווי אין אייראפא און אמעריקא. מען ארבייט פון 9 ביז צוועלף שטונדען א טאג און די שכירות פון א דורכשניטליכען ארבייטער איז א „יען"*), הגם א זעהר געניטער ארבייטער בעקומט מעהר ווי 2 „יען". די שכירות פון פרויען־ארבייטער איז פון א העלפט ביז 2 דריטעל פון דיזער סומע. הגם דער פרייז פון סחורות איז פיעל קלענער אין יאפאן ווי אין די פעראייניגטע שטאאטען, פונדעסטוועגען קען מען ניט לייקענען, אז די לעבענס־בעדינגונגען פון די יאפאנישע ארבייטער זיינען שווערער ווי די פון די אמעריקאנישע ארבייטער. עס זיינען איצט פאראן אין יאפאן כמעט א מיליאן פאבריק־ארבייטער. 400 טויזענד מינען־ארבייטער, 200 טויזענד פייערלעשער, אינזשינירען און אנדערע ארבייטער ביי די אייזענבאהנען, 200 טויזענד סתם־ארבייטער און 60 טויזענד מאטראזען. איך גלויב, אז ארום און אקום, אחוץ לאנד־ארבייטער, זיינען פאראן ניט ווייניגער ווי פינף מיליאן ארבייטער. די מאיאריטעט פון דיזע ארבייטער האבען קיין שטימרעכט. זיי שטעהען אויף א נידריגען סאציאלען שטאנד און פערברייננען א נידריגען סארט לעבען. אט דאס איז די גרויסע פראבלעם וואס שטעהט אונז פאר.

איין זאך דארף דא ערקלעהרט ווערען. אין די לעצטע 50 יאהר איז יאפאן געווען געצוואונגען זיך אין גאנצען אבצוגעבען מיט אויסלענדישע פאליטיק און דיפלאמאטיע, און פאלגליך האט זי קיין צייט ניט געהאט אבצוגעבען זיך מיט אינערליכע אנגעלעגענהייטען. זי האט געלעבט אונטער דעם שטענדיגען דרוק פון די מעכטיגע נאציאנען פון מערב. מען האט איהר ניט געגעבען קיין רוהע, אז זי זאל זיך קענען אומקוקען און זעהען ווי זי האלט אין דער וועלט. זי האט געמוזט אנהאלטען א גרויסע ארמעע און פלאטע אום צו בעשיצען איהר עקזיסטענץ געגען דעם אנגריף פון די אנדער יענע מעכטע. דער רעזולטאט איז געווען, אז זי האט געמוזט פערנאכלעסיגען סאציאלע פראבלעמען און בעזונדערס דאס וואהלזיין פון זעם ארבייטער קלאס.

דאך הערשט אזא צושטאנד ניט דוקא אין יאפאן. אנדערע לענדער האבען דורכגעמאכט די זעלבע שטופען. די פון אייך, וואס זיינען בעקאנט מיט דער היסטאריע פון דער אינדוסטריעלער רעוואלוציאן אין ענגלאנד, וועלען בעשטעטיגען וואס איך זאג. מיט איינינע יאהרען צוריק האבען בעריהמטע ענגלישע סאציאליסטען און קמורגמען פון ארבייטער פראבלעמען — סידני און ביעטריס וועבב — בעזוכט יאפאן. נאכדעם ווי זיי האבען בעקוקט פערשיעדענע פאבריקען אין מיין לאנד, האט מר. וועבב געזאגט, אז דער אינדוסטריעלער צושטאנד פון יאפאן אין פערגלייך מיט דעם אינדוסטריעלען צושטאנד פון ענגלאנד איז הינטערשטעליג 70 יאהר. 70 יאהר איז פיליכט א צו־לאנגע צייט; עס איז ריכטיגער צו זאגען, אז דער אונטערשיעד אין דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג פון די ביידע לענדער איז 50 יאהר. איך בין איבערצייגט, אז די פון אייך, וואס ווייסען ווי דער צושטאנד פון די ארבייטער אין ענגלאנד איז געווען מיט 50 יאהר צוריק, וועלען ניט בלאמירען יאפאן אליין אין איהר הינטערשטעליגקייט.

גליקליכערווייזע האט די יאפאנישע רעגירונג ערוואכט און בעגרייפט די לאגע. נאך אן אונטערזוכונג וואס האט זיך געצויגען פאר די לעצטע 10 יאהר, האט דער קייזערליכער פארלאמענט אנגענומען אין 1912 פאבריק־געזעצע, כדי צו בעשיצען די ארבייטער. הויפטזעכליך פרויען און קינדער ארבייטער. לויט א לעצטען רעפארט, וועט די יאפאנישע רעגירונג אויסגעבען 250 טויזענד „יען" אום די געזעצע אריינצוברייננען אין לעבען פון נעכסטען יאהר אן. די סומע וועט דעקען די אויסגאבען און געהאלט פון 4 הויפט־אינספעקטארען אין דער צענטראלער גובערניע און 200 אינספעקטארען אין די פראווינצען. די אינספעקטארען זיינען שוין אפאינטעד געווארען. דער מיניסטעריום פאר האנדעל און אגריקולטור, אונטער וועמעס קאנטראל די נייע געזעצע וועלען דורכגעפיהרט ווערען, שטודירט שוין די פראגע ווי פראקטיש אנצוגעהן מיט דער ארבייט.

עס איז פאראן אן ארגאניזאציאן, וואס רופט זיך „פעראיין פון סאציאלע פאליטיק", וואס איז געגרינדעט געווארען פון פארנעהמע געלעהרטע,

*) א „יען" איז א זילבערנע מטבע וואס האט דעם ווערטה פון אן ערך 50 סענט.—רעד.

יאריר. זייער פרייז שטייגט און פאלט, לויט דעם צושטאנד פון דעם לאנד אדער די שטאדט. הערשט פראספעריטי און מזל ברכה אין דיזען לאנד — איז דא א סך ארבייט, און האנדעל און אינדוסטריע וואקסען און בליהען — שטייגען דיזע וועקסלען אין פרייז; פערקעהרט, הערשען אין דעם לאנד קריזיסען, ארבייטס־לאזיגקייט און אונרוה, פאלען דיזע רעגיערונגס־וועקסלען אין פרייז.

„סטאקס" ווידער, זיינען מייסטענס אקציעס פון אינדוסטריעלע געשעפטען. אן אקציע איז א ווערטה־פאפיער, וואס צייגט אז דער וואס פערמאגט איהר האט א שטיקעל חלק אין דעם געשעפט. אויב דער געשעפט וואקסט און בליהט און טראגט גרויסע פראפיטען, קריגט דער איינענטימער פון די אקציען זיין „דיווידענד", אדער חלוקה, וויפיעל עס בעטרעפט אויף זיין חלק. אין דעם פאל איז זיין אקציע ווערט מעהר, זי שטייגט אין פרייז. אלא, געהען די ביזנעס ניט אזוי גוט, טראגט עס קיין ריווח ניט און די אקציע פאלט אין פרייז.

מען רופט די „סטאקס" מאנכעמאל אויך „אינדאסטריעלס". דער דאזיגער ווארט ניט א קלארען בעגריף אז די אקציע שטעלט מיט זיך פאר ארבייט, אדער אויסגעארבייטע סחורה. אין דער ווירקליכקייט, ווען מען נעהמט אנאליזירען אט די אלע סארטען שטיקלאך פאפיער, שטעלען זיי מיט זיך פאר מענשליכע ענערגיע און ארבייט. אויב איהר האט, למשל, אן אקציע אין דער טעלעפאן קאמפאניע און זי ברענגט אייך איין פראפיט יעדען יאהר, איז עס נור דערפאר, וואס אייער געלד וואס איהר האט אריינגעטראגען אין דער קאמפאני, האט איהר אנגעשפארט פון אייער ארבייט, אויב איהר האט אמאל געהאט גוטע צייטען, און דעם פראפיט פון דער אקציע בעקומט איהר דערפאר, וואס טויזענדע ארבייטער לייגען אוועק זייערע כחות אין פערשיעדענע ארבייט פאר דער טעלעפאן קאמפאני. ווען ניט זיי וואלט דאך קיין פראפיט ניט געווען. דאס זעלבע איז ווענען די אקציעס וואס די טראסט מאגנאטען האלטען אין די גרויסע טראסטס — זיי שטעלען מיט זיך פאר ארבייטס־קראפט פון הונדערטער טויזענדער מענשען.

זעהן מיר אלזא קלאר, אז די געמבלעריי וואס געהט אן אויף דער בערזע אין וואלל סטריט איז אין מענשליכע בלוט און שווייס.

ערגעץ אין די פאבריקען און מינען הארעווען מענשען ווי עולען, שטעלען זיך אין געפאהר גראבענדיג קוילען, שמעלצענדיג אייזען, מאכענדיג שטאל, אמוניציע, שיס־פולווער און דער גלייכען. אויב זיי זיינען ניט ארגאניזירט, פערדיענען זיי ניט מעהר ווי 10־12 דאלאר א וואך פאר 12 שטונדען א טאג ארבייט. און דערווייל ספעקולירט מען דא מיט דעם ווערטה פון דער סחורה וואס זיי בעשאפען, און מענשען וואס האבען גארניט צו טהאן מיט דיזער שווערער ארבייט, ווערען פילייכט רייך אין א גאנץ קורצע צייט. לאמיר זעהן ווי אזוי:

גראד איצט איז א בייזע ביזי אויף אמוניציע — הארמאטען, באמבעס, קוילען, אייזען, שטאל, און אנדערע מעטאלען פאר דער מלחמה אין אייראפא און אזיען. די מלחמה־לענדער צאהלען פאר דיזע זאכען זעהר גוטע פרייזען. און די קאמפאניעס וואס פראדוצירען זיי מאכען גלענצענדע געשעפטען. האבען אלזא זייערע אקציעס א הויכען ווערטה אויף דעם בערזען יאהר. זינט די קאמפאניעס זיינען ביזי געווארען מיט פאבריצירען געצייג פאר'ן מלאך המות, האבען די אקציעס גענומען שטייגען און שטייגען אין פרייז. און ביי די געמבלערס אויף וואלל סטריט שטעלען זיך די האר קאפויר פון אויפרעגונג און פון פיבערשען, ווילדען בעגיער צו קויפען בילינ און פערקויפען טייער. מאנכע ארימע, קליינע מענשעלאך האבען אויף אזא אופן געמאכט צו פערטעל מיליאן דאלאר און אנדערע צו קלענערע סומען.

מיר וועלען נעהמען איין ביישפיעל — די בעטלעהעם סטיעל קאמפאני. זי בעשעפטיגט איצט אן ערך 20,000 ארבייטער, וועלכע זיינען ניט ארגאניזירט און דאס רוב פון זיי בעקומען ארום $1.80 א טאג. זי האט איצט א סך ארדערס פאר אמוניציע פאר די „עללאיס" און איהרע אקציעס זיינען שוין געשטאנען 600 דאלאר א שטיק. מיט א צייט צוריק זיינען די אקציעס געשטאנען בלויז 40 דאלאר א שטיק. א דורכגעטריבענער געמבלער, וואס האט דאן געהאט זיין איינענם עטליכע טויזענד דאלאר און האט זיך איינגעהאנדעלט א שטיקעל מציאה, א 100 אקציעס פאר 4 טויזענד דאלאר, איז זיין קאפיטאל געשטיגען ביז 60 טויזענד דאלאר.

דיזער געמבלער האט דא פערדיענט 56 טויזענד דאלאר אין א גאנץ קורצע צייט. אבער פאר וועלכער דרשה קומט דאס איהם? אויב

# ווי מען נעמבעלט אין שוויס און בלוט

**א שטיקעל בעגריף וועגען „וואלל סטרים" סחורה: „סטאקס" און „באנדס". — וואס פאר שייכות זיי האבען צו ארבייט און ארבייטער. — מאנבע ווערען רייך אין א קורצע צייט, אבער אויף וועמעס חשבון?**

פון א. ראזבורי.

פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען איז די ניו יארקער בערזע אדער ווי מען רופט איהר, „וואלל סטריט", שרעקליך ביזי. מען „ארבייט" דארט טאג און נאכט. די סוחרים־שפעקולאנ־טען האבען אזוי פיעל צו טהאן, אז זיי האבען זאגאר נים קיין צייט צו „כאפען א לאנטש אדער א סאפער". און אז מאנכע מענשען, וואס האנדלען מיט „וואלל־סטריט סחורה" ווע־רען איצט רייך אין א גאנץ קורצע צייט, איז מעהר אדער וועניגער בעוואוסט.

וואס איז דאס פאר אן ארבייט ביי וועלכע מען איז אזוי ביזי; וואס טהוט מען דארט אזוינס; וואס קויפט מען דארט און מען פער־קויפט און מען ווערט דערפון רייך? עס איז כדאי פאר ארבייטער צו וויסען פון וואנען קומט אט דיעזע פלוצלינגע, אויפגעבלאזענע רייכטום מיט וועלכע וואלל סטריט בעגליקט די מענשען, וואס האבען מיט איהר געשעפטליכע בעציהונ־גען, און מיר וועלען דא געבען א גרינדליכען איבערבליק.

דער מסחר וואס געהט דארט אן, איז נים פון געוועהנליכע סחורה; דאס זיינען נים אר־טיקלען פאר געברויך אדער לעבענס־מיטלען, אן וועלכע דער פערקויפער מאכט א געוויסען פרא־צענט פראפיט. דארט פערקויפט מען און מען קויפט שטיקלאך פאפיער — אקציעס, ווערטה פאפירען, אדער ווי מען רופט זיי דא „באנדס, סטאקס, שעירס". ביידע, אי דער מוכר אי דער קונה ספעקולירען, ריזיקירען, זיינען אויפגערעגט, און מאנכע פאבען מיט דער נשמה, פונקט ווי ביי קארטען־שפיעלען. אלע וואס האבען צו טהאן מיט דער בערזע, סיי די וואס האבען דיר־רעקטע פערבינדונגען מיט איהר, סיי די וואס האנדלען אונדירעקט מיט געוויסע אקציעס, זיי־נען א סארט ריכטיגע „געמבלער"; זיי שפיעלען אין קאן. זיי שפעקולירען מיט שוויס און בלוט, מיט ארבייטס־קראפט. ווי [illegible] וועלען באלד זעהן.

די „באנדס" און „סטאקס" זייגען פון פער־שיעדענע סארטען. באנדס זיינען מייסטענס רעגיערונגס־וועקסלען, ווייל אלע רעגיערונגען לעבען מיט געבארגטע געלד. די מייסטע רע־גיערונגען זיינען שולדיג אזוי פיעל מיליאנען, אז זיי קענען דעם קרן קיינמאל נים אויסצאהלען, בלויז דעם פראצענט, און דער פראצענט אליין בעטרעפט מיליאנען.

אט האט פראנקרייך, למשל, גענומען א הלואה פון איהר אייגען פאלק, א „קלייניגקייט" — א האלבען מיליארד דאלאר. זי האט געלא־זען אבדרוקען שטיקלאך פאפיער אויף פערשיע־דענע סומען און די פאטריאטישע בירגער, זאי־נאר די ארימע פויערים, האבען די פאפירלאך געכאפט ווי מצה־וואסער און בעצאהלט פאר זיי מיט זייערע אבגעשפארטע סאנטימס. די וועקס־לאך טראגען א געוויסען פראצענט. פון וואנען נעהמט אבער די רעגיערונג צו צאהלען פרא־צענט? — זי ווערט עס נעהמען טאקע פון די שטייערען וואס דאס פאלק צאהלט און וועט מוזען צאהלען נאך מעהר נאך דער מלחמה. אונגעפעהר דאס זעלבע האט געטהאן דייטש־לאנד די גאנצע צייט זינט די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען און דאס זעלבע טהוען אנדערע רעגיערונגען. אפילו די רייכע אמעריקא האט ארויסגעלאזען באנדס צו בויען פאנאמא קאנאל.

אויך שטאדט־רעגיערונגען בארגען געלד אויף דעם סמך פון צוקינפטיגע שטייערען, ווען זיי דארפען דורכפיהרען געוויסע שטאדט־אונטער־נעהמונגען, ווי בריקען, שטאדט־באהנען, שולען און דער גלייכען און גיבען ארויס וועקסלען אדער באנדס, וואס צאהלען 4¼ אדער 4½ פרא־צענט. אזעלכע און עהנליכע וועקסלען ווערען בעטראכט אלס א סחורה אויף דעם בערזען

האבען לבתחלה בעשלאסען צו קויפען אקציעס, האבען זיי דאך גלייך בעצוועקט צו האבען א גרינג לעבען. אט די אלע מענשען טראכטען זיך: „וואס דארפען מיר ארבייטען אז מיר קענען לעבען אויף יענעמ'ס ארבייט? און כדי אז מיר זאלען בלייבען אין דער לאגע פון ניט ארבייטען און דאך גרינג לעבען מוזען מיר אונטערשטיצען די קלאסע וואס איז געגען די ארבייטער און שטערט זייער בעפרייאונג". אט אזוי איז די קאפיטאליסטישע ארדענונג איינגעווארצעלט אין די הערצער פון א סך פערבארגענע שונאים. קיין וואונדער אז די ארבייטער בעוועגונג האט פאר זיך אזא שווערע אויפגאבע.

ווען די לויד־פערד אין דער בעטלעהעם סטיעל קאמפאני וואלטען נור געהאט אביסעל מעהר שכל ווי פערד און וואלטען זיך ארגאניזירט און פעראייניגט מיט דער ארבייטער בעוועגונג; ווען אין דער ארבייטער בעוועגונג אליין וואלט נור געהערשט מעהר אחדות און קאאפעראציאן, פאליטיש און עקאנאמיש, וואלט געווען גרינג אבצושאפען אט דיעזע פערשיעדענע פיאווקעס וואס האבען זיך אנגעזעצט אויף דעם גוף פון די ארבייטער און זויגען זייער מארך און ענערגיע.

---

# 50 טויזענד לוין־שקלאפען, פון וועלכע מארגאן שארט מיליאנען

**אן אינטערעסאנטער ארטיקעל, וואס בעקענט דעם לעזער מיט איינצעלהייטען וועגען דעם שטאל טראסט און די 20 טויזענד ארבייטער וואס ארבייטען אין פערשיעדענע שטאל פאבריקען. — ווי דער אלטער מארגאן האט בעקומען זיינע מיליאנען און ווי דער יונגער מארגאן שארט איצט אוצרות געלד צוליעב דער מלחמה אין אייראפא.**

פון עמאנועל דזשוליוס.

ווען איך בין אוועק פון ברידזשפארט, די שטאדט וואו עס ווערט געארבייט אמוניציע פאר דער מלחמה, בין איך אנגעקומען אין בעטלעהעם, פענסילווייניא. אין דיעזער שטאדט געפינט זיך די אונגעהויער גרויסע פאבריק פון דער „בעטלעהעם סטיעל קאמפאני". די ארבייטער פון ברידזשפארט זיינען ארגאניזירט אין שטארקע יוניאנס און צוליעב דעם געניסען זיי וועניגסטענס א קורצען ארבייטס־טאג און קריגען שכירות וואס ווערען רעגולירט פון דער יוניאן. עס איז לייכט צו פערשטעהן, פארוואס די ארבייטער אין ברידזשפארט זיינען ארגאניזירט, ווייל עס געפינען זיך דארט א סך אונאבהענגיגע פאבריקען. די באסעס האבען נאך ניט געבילדעט קיין טראסט. אבער אין בעטלעהעם איז גאנץ אנדערש.

אין בעטלעהעם, וואו גרויסע מאססען כלי משחית און מארד־אינסטרומענטען ווערען פאבריצירט, זיינען די ארבייטער ניט מעהר ווי שקלאפען. זיי האבען ניט קיין ברעמעל ארגאניזאציאן, קיין שום געפיהל פון סאלידאריטעט, און פערשטעהען ניט ווי אזוי צו פערטיידיגען זייערע אינטערעסען געגען די איינענטימער פון דיעזער גרויסער פאבריק.

אין בעטלעהעם זיינען פאראן 20 טויזענד ארבייטער, מייסטענס אימיגראנטען, וועלכע ארבייטען פאר קליינע שכירות. די מייסטע פון זיי זיינען אונגעניטע. הארעפאסנע ארבייטער און קריגען בלויז 15 סענט א שטונדע. עס טראגען זיך ארום סלוכען, אז מען נעהמט ווי העכערען א סענט אויף דער שטונדע. קיין רעגעלמעסיגער ארבייטס־טאג איז דארט ניטא. געוויסע גרופען ארבייטער ארבייטען 12 שטונדען א טאג; אנדערע צווינגט מען צו ארבייטען 13 שטונדען.

א געניטער ארבייטער וואס קריגט $3.50 א טאג איז א זעלטענהייט. און עס איז גאר ניט איבערטריבען צו זאגען, אז דער דורכשניטליכער לוין פון די מייסטע ארבייטער איז $1.80 א טאג.

איך האב גענומען דיעזע ציפערן פון ארבייטער מיט וועלכע איך האב פערבראכט פיעל

די אקציעס פון דער בעטלעהעם סטיעל קאמפאני האבען בעקומען אזא גרויסען ווערטה, ווייל עס איז דא א גרויסע פארערונג אויף איהר פראדוקציאן; מיט אנדערע ווערטער, אויב איהר פראדוקציאן האט איצט א גרויסען ווערטה, האבען דאך די 20 טויזענד ארבייטער אריינגעלעגט זייערע כחות און זייער נשמה אין דער פראדוקציאן פון איהרע סחורות! דיעזער געמבלער האט אלזא אונדירעקט און אויף א גאנץ געזעצליכען אופן בעראבעוועט יעדען ארבייטער אויף קנאפע דריי דאלאר. ער האט דיעזע הארעפאסנע ארימע לייט ארימער געמאכט מיט דיעזער סומע און ער אליין איז געווארען רייך, האט אן אויטאמאביל, לעבט א גוטען טאג און שפעקולירט איצט מיט א טהייל פון דעם געלד אין אקציעס פון אנדערע קאמפאניעס. אויב עס וועט איהם אבגליקען, וועט ער אויך בערויבען אנדערע ארבייטער אויף דעם זעלבען אופן און ווערען רייכער.

ווען די מלחמה וועט אויפהערען און עס וועט ווערען סלעק אויף הארמאטען און באמבעס, וועלען די מייסטע פון דיעזע ארבייטער ווערען ארבייטסלאז און ליידען הונגער און נויט מיט זייערע פאמיליעס. בשעת דער געמבלער וועט זיך וואלגערען אין וואוילטאג אויף זייער חשבון.

אט אזוי ארבייט דאס גאנצע סיסטעם פון פראפיט היינטיגע צייט. גראד איצט „געמבעלט" מען אין שטאל און אייזען; אנאנדערמאל געמבעלט מען אין ווייץ און קארן אדער אנדערע לעבענס־מיטלען און אין „ריעל־עסטייט". אבער אלץ אויף'ן חשבון פון דעם ארבייטער'ס פראצע. דער ארבייטער איז דאס לויף־פערד אויף וועלכען דער וואלל סטריט געמבלער שטעלט אין קאן. 20 טויזענד אזעלכע לויף־פערד ווערען געטריבען אין דער בעטלעהעם סטיעל קאמפאני פאר $1.80 א טאג. זיי בעקומען קוים גענוג אויף אזוי פיעל קארמע ווי ריכטיגע פערד. זייער הארעוואניע ווערט דערווייל פערשווענדעט פון די וואלל סטריט מאגנאטען און זייערע נאכשלעפער.

* * *

די סכנה פון געמבלעריי אין וועקסלען איז שטארק פערברייט צווישען די רייכסטע און העכסטע פון לאנד. פרומע גייסטליכע, וועלכע פרעדיגען רעליגיאן און מאראל, קאפיטאליסטישע מיניסטארען, שטאאטס בעאמטע און אנדערע שעהנע און בכבוד'ע מענשען זיינען פערקאכט אין אקציעס. מיט א יאהר אדער צוויי צוריק זיינען צוויי גרויסע מיליאנערען אין ענגלאנד — ללאיד דזשארדזש און סער אייזעקס (איצט לארד רעדינג) — געוועזען פערמישט אין אן אקציען־סקאנדאל פון וועלכען זיי האבען זיך קוים ארויסגעוויקעלט. דא ניט לאנג צוריק האט איינער פון די פארנעהמסטע גייסטליכע געמאכט באנקראט אין א גרויסע סומע געלד צוליעב זיין געמבלען אין אקציעס. ער האט זיך עפענטליך מתודה געווען אין דער קירכע און ערקלעהרט, אז ער געהט טהאן תשובה. אט האט מען ארונטערגעזעצט מעקאל, דעם טשערמאן פון דער פובליק סערוויס קאמישיאן, פאר קויפען אקציעס אין א קאמפאני וואס האט בעקומען קאנטראקטען פון ניו יארק סטייט.

די קאפיטאליסטישע קלאסע בעשטעהט ניט נור פון די גרויסע פינאנסירען, ווי מארגאן, ראקעפעלער, קארנעגי און אנדערע, נור אויך פון טויזענדער מענשען וואס האלטען בסוד אקציעס אין פערשיעדענע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען. אלס אזעלכע זיינען זיי נאטירליך פעראינטערעסירט, אז די אונטערנעהמונג זאל מאכען וואס מעהר פראפיט, כדי זייערע אקציעס זאלען שטייגען אין פרייז. זיי בעטראכטען זיך אלס שותפים צום געשעפט און זיינען צוליעב דעם שונאים פון דעם ארבייטער קלאס.

עס ליגט אין דער נאטור פון דעם. וואס טהוט אן עולה צו טראגען א שנאה אין הארצען אויף דעם געקריוודעטען. אט די דאזיגע קליינע קאפיטאליסטלאך, וועלכע זיינען מייסטענס אינטעליגענטע מענשען, פערשטעהן גאנץ גוט וואס פאר שייכות זייערע אקציען האבען צו די ארבייטער פון דער קאמפאני. זיי ווייסען, אז זייער יעהרליכע חלוקה קומט ניט פון דער סומע וואס די אקציע בעטרעפט, זאנדערן פון דעם ווערטה וואס די ארבייט בעשאפט. געלד אליין קען דאך ניט גראבען קיין קוילען אדער שמעלצען אייזען אדער מאכען שטאלענע רעלסען. אהן מענשליכע ענערגיע און ארבייט קען מען אט דיעזע זאכען פון דער נאטור ניט ארויסקריגען.

זייער געוויסען מוז זיי זאגען, אז על פי יושר און גערעכטיגקייט און מאראל, געהערט זיי ניט דער חלק פראפיט וואס דיעזע אויסגעארבייטע מאטעריאלען בריינגען; אז עס געהערט גאר צו די ארבייטער. אבער זיי האבען זייער געוויסען ביסלעכווייז איינגעשלעפערט. ווען זיי

עס איז גאר ניט קיין סוד, אז שוואב האט געארבייט אויף אלע כלים אין ריעזען שטיקעל געשעפט. ווען ניט ער, וואלטען די מידוויל און די קעמבריא ביט געווען פערקויפט זייערע פאבריקען. עס איז אויך בעוואוסט, אז מען האט זיי געקויפט פאר מארגאן'ס געלד. דערפון קען מען גרינג פערשטעהן, אז די בעטלעהעם סטיעל קאמפאני איז א טהייל פון דעם ריעזיגען קאפיטאל פונ'ם שטאל טראסט. און עס הייסט, אז מארגאן איז אן דער שפיצע פון דעם גרעסטען וואפפען-געשעפט אין אמעריקא.

* * *

איצטער הערט זיך, אז וויללִיאם ע. קאורעי, דער פריהערדיגער פרעזידענט פון דער „יונייטעד סטייטס סטיעל קארפאריישאן", קומט צוריק און וועט ווידער פערנעהמען א וויכטיגע שטעלע אין דער שטאל אינדוסטרי. קאורעי האט זיך צוריקגעצויגען פון דער קאמפאני אין יאנואר 1911. איצט, זאגט מען, וועט ער ווערען פרעזידענט פון דעם נייעם שטאל סינדיקאט, וועהרענד די פרעזידענטען פון די קאמפאניעס, וואס זיינען אין דעם סינדיקאט פעראייניגט, וועלען בלייבען אויף זייערע ערטער.

עס הערט זיך אויך גאנץ בעשטימט, אז די „באלדווין לאקאמאטיוו קאמפאני" פון פילאדעלפיא, וואס מאכט לאקאמאטיווען און פערשיעדענע מאשינען פאר די קריעגס-רעגיערונגען, און די „רעפאבליק אייראן קאמפאני", וואס מאכט וואפפען און אמוניציע, וועלען אויך אריינטרעטען אין דעם שטאל סינדיקאט. מארגאן איז שטארק פעראינטערעסירט אין דעם. די פערהאנדלונגען געהען שוין אן, און מארגאן וועט נאטירליך אויספיהרען זיינס.

די באלדווין פאבריק בוים איצט לאקאמאטיווען פאר דער רוסישער רעגיערונג; אזוי האט דושאנסאן, דער פרעזידענט פון דער קאמפאני, אליין ערקלעהרט ניט לאנג צוריק. פריהער האט זי בעשעפטיגט 4,800 ארבייטער, איצט בעשעפטיגט זי 12,900 ארבייטער, וועלכע קענען מאכען צוזאמען 5 לאקאמאטיווען א טאג.

* * *

די מארגאן פירמע איז פערבונדען מיט אלעם וואס האט א שייכות מיט פערזארגען די מלחמה-נאציאנען. די קאנטראלירט די אייזענבאהנען, די אמוניציע פאבריקען, די שיף-קאמפאניעס און דעם געלד-טראסט. דיעזע אלע זאכען זיינען אזוי פערקניפט און פערבונדען צוזאמען, אז איינע אהן די אנדערע קען ניט אויסקומען. לאמיר אקארשט זעהן ווי דער פלאן ארבייט פאר מארגאן'ס אינטערעסען:

מארגאן איז דער אמעריקאנער אגענט פאר איינע פון די קריעגס-נאציאנען (ענגלאנד מן הסתם).

ער לאזט זיך בעצאהלען פאר יעדען דאלאר וואס געהט דורך זיין האנד.

ווען מארגאן שליסט קאנטראקטען מיט אמוניציע פאבריקאנטען וועלכע ער קאנטראלירט ניט, מעגט איהר זיין זיכער, אז ער בעקומט פון זיי היבשע קאמיסיע. אין אנדערע ווערטער, ער קריגט בעצאהלט פון ביידע זייטען.

מארגאן ווייסט מיט וועלכע פירמעס עס ווערען געשלאסען קאנטראקטען פאר אמוניציע; קען ער אלזא זיין דער ערשטער אין פעלד צו קויפען די אקציעס פון דיעזע פירמעס, איידער זיי שטייגען אין פרייז, און ווען זיי שטייגען, מאכט ער גלענצענדע געשעפטען.

ווען די פירמעס זיינען גרייט ארויסצושיקען אמוניציע, ווערט זי נאטירליך געשיקט איבער די אייזענבאהנען וואס מארגאן קאנטראלירט און מיט די שיפען וואס בעלאנגען צום טראסט פון וועלכען מארגאן איז דער הויפט-מאכער. דאס מיינט, אלע גרעסערע פראפיטען פאר א י ה ם.

אט האט, דא ניט לאנג, מארגאן בעזארגט 500 מיליאן דאלאר פאר ענגלאנד און פראנקרייך. ער האט דאס ניט געטהאן לשם מצוה. ער האט דערביי פערדיענט א גאנץ היבשען גראשען, אי א גרויסען פראצענט פון די דערמאנטע לענדער, אי א פראצענט פון די היגע באנקירען וואס האבען געקויפט די באנדס. מארגאן קריגט ראבאט פון יעדען דאלאר.

* * *

מאנכע מענשען וואס דענקען ניט טיעף, מיינען, אז ווען מארגאן מאכט אזוי פיעל בעשטעלונגען ביי פערשיעדענע פירמעס און פערגרעסערט די פאבריקען אין וועלכע ער איז פערזענליך פעראינטערעסירט, פערגרעסערט ער דערמיט די פראספעריטי פון לאנד; ער גיט דעם ארבייטער-פאלק א סך ארבייט. אזוי הערט מען מענשען ריידען צווישען זיך.

דער אמת איז אבער, אז דערמיט וואס מארגאן שיקט ארויס פון לאנד אמוניציע אין דעם ווערטה פון הונדערטע מיליאנען דאלאר, מיינט

צים ביי זיי אין דער היים. עס איז נוצלאז צו ווענדען זיך צו די בעאמטע פון דער קאמפאני און וועלען מיט זיי דורכריידען זיך וועגען די ביזנעס, ווייל עס ווערט אלץ דארט געהאלטען בסוד סודות, איבערהויפט זינט די מלחמה האט אויסגעבראכען. פון דאן אן ווערט אין דער פאבריק געמאכט כמעט דורכאויס הארמאטען און פערשיעדענע אנדערע וואפען.

עס איז א בעוואוסטער פאקט, אז אפילו דער אויפזעהער פון א דעפארטמענט טאר דארט ניט אוועקריהרען זיך פון זיין בעשטימטען ארט און געהן א קוק טהאן אין אנאנדער דעפארטמענט. אמאל האט די קאמפאני בעשעפטיגט ספעציעלע מענשען ארומצוגעהן מיט בעזוכער און ווייזען זיי די פערשיעדענע אבטיילונגען. זינט מען האט דארט אנגעהויבען ארבייטען פאר דער מלחמה, לאזט מען קיין בעזוכער ניט אריין. די פאבריק איז ארומגעצאמט מיט א הויכע שרויף־וואנד און א וועכטער שטעהט פאר יעדען טויער כדי צו פערהיטען, אז עס זאל ווער עס איז צוקומען.

* * *

דאס איז בלויז א פארערדע. מיט די פריהערדיגע בעמערקונגען האב איך בלויז געוואלט פארבערייטען דעם לעזער פאר דאס וואס איך וויל איהם איצט דערצעהלען וועגען די איינגענטימער פון דער פאבריק, בעסער געזאגט דעם **גרויסען איינגענטימער**. די ארבייטס־בעדינגונגען זיינען די ערגסטע וואס מען קען זיך פארשטעלען. 20 טויזענד ארבייטער זיינען בעשעפטיגט ביי די מאשינען, וואס מאכען אמוניציע. 20 טויזענד ארבייטער זיינען ביזי, אבער הגם די פראפיטען זיינען אונגעהויערע גרויסע, בעקומען די ארבייטער א הונגער־לוין.

משארלס מ. שוואב, דער פרעזידענט פון דער בעטלעהעם סטיל קאמפאני, איז דער דירעקטער באס, אבער הינטער שוואב'ן שטעהט א מעכטיגערער געלד־זאק, געמליך, דזשיי פ. מארגאן. מארגאן מאכט עס דעם גרויסען פראפיט אין דיעזער שרעקליכער מלחמה. מארגאן קלייבט דא אן אן אוצר מיט געלד וואס די וועלט האט ניט געהערט.

פון וואנען קומט מארגאן'ס רייכטום?

אין דעם בירגער־קריעג איז מארגאן'ס פאטער געווען דער קאנטראקטאר פאר דער פעדעראלער רעגירונג. ער פלעגט צושטעלען ווערטהלאזע ביקסען און אנדערע געוועהר.

זייענדיג געשייט און דורכגעטריבען האט ער נאטירליך צונויפגעקליבען א קופע געלד און געגרינדעט די רייכע, מעכטיגע מארגאן פירמע.

דעם אלטען מארגאן'ס מיליאנען שטאמען אלזא פון דעם בירגער־קריעג. אבער איצט, פון דעם קריעג אין אייראפא, מאכט דער אינגערער מארגאן אוצרות געלד, וואס ווען דער עלטערער מארגאן וואלט אויפגעשטאנען פון קבר און עס צוגעקוקט, וואלט ער אפשר נאך א מאל געשטארבען פון קנאה. ווי עס שיינט, איז דער עלטערער מארגאן געווען בלויז א דילעטאנט אין פערגלייך מיט זיין זוהן. דער פערשטארבענער מארגאן האט אנגעזאמעלט אונגעהויערע עשירות; דער אינגערער מארגאן שאפעלט זיין פאטער אויס פון ארבעל. די עשירות פון דעם פאטער איז א קליינינקייט לגבי די מיליאנען וואס קאטשען זיך איצט אריין אין די קאסעס פון דעם זוהן.

ווען איך בין געווען אין פילאדעלפיא, איידער איך בין געקומען נאך בעטלעהעם, האב איך געהערט, אז שוואב האט בעשלאסען זיך אנצושליעסען אן דער גרופע מיליאנערען וואס זיינען מיט מארגאנ'ען. דאס מיינט ניט חלילה, אז שוואב איז געווארען ניט וויכטיג; ער וועט בלויז אויפגעבען זיין אונאבהענגיקייט אום צו מאכען מעהר געלד.

* * *

די מארגאן פירמע, וועלכע איז דער אגענט פאר די „עללאיס", קויפט איצט אב די שטאל פאבריקען פון איסט פענסילווייניא. דעם 24טען סעפטעמבער האט א גרופע קאפיטאליסטען מיט מארגאן אן דער שפיצע, איבערגענומען די פאבריקען און די מייסטע סחורות פון די „מידוויל סטיל קאמפאני" און „קעמבריא סטיל קא.". די ערשטע האט בעטראפען 10 מיליאן דאלאר; די צווייטע, וואס געפינט זיך אין דזשאהנסטאון, 25 מיליאן דאלאר. די פאבריק פון דער „מידוויל קאמפאני", וואס געפינט זיך אין נאיסטאון, בעשעפטיגט 6 טויזענד ארבייטער, כמעט דורכאויס אויף אמוניציע.

די פעקטארי פאבריצירט, הויפטזעכליך, פאנצער־פלאטען פאר שיפען, הארמאטען און די בעסטע שטאל פאר שמעלץ־טיגלען פאר באמבעס און קלענערע וואפען. מען האט דיעזע פאבריק געשאצט אין דעם ווערטה פון קארגע 11¾ מיליאן דאלאר. זי פערנעהמט א שטח פון 50 אקער לאנד.

לאך וואס מיר האבען געוואונען פון צייט צו צייט. אונזערע אגרימענטס פלעגען איינטרעטען אין קראפט דעם ערשטען מאי און אנהאלטען מייסטענס איין יאהר.

צוליעב די קליינע דיוס זיינען אויך אונזערע געווינסען געווען קליינע. עס פערשטעהט זיך, אז מיט קליינע דיוס און קיין „רעפענס פאנד" און יעהרליכע אדער צוויי־יעהרליכע אגרימענטס, איז קיינמאל ניט געווען קיין געלד אין אונזער קאסע. די ארבייטער פון א געגענד, וועלכע זיינען צוערשט ארויס אין סטרייק פאר א נייעם אגרימענט, האבען בעקומען אלס שטיצע דאס ביסעל געלד וואס איז געווען אין קאסע און די ארבייטער פון אנדערע געגענדען, וואס זיינען שפעטער ארויס אין סטרייק, האבען געדארפט קעמפפען אהן פינאנציעלע שטיצע.

ווען מיר האבען גענומען פלאנעווען גרעסערע פערבעסערונגען; דהיינו. פערקלענערען דעם ארבייטס־טאג פון 10 שטונדען אויף 9 און איינפיהרען, אז מען זאל צאהלען שכירות יעדע 2 וואכען אנשטאט יעדען מאנאט, האבען די באסעס געמאכט זיך אן אויסרייד, אז זיי ווילען, די אגרימענטס זאלען איינטרעטען אין קראפט דעם ערשטען יאנואר, אנשטאט דעם ערשטען מאי. און אזוי ווי מיר האבען דערצו ניט מסכים געווען, האבען זיי אויסגעשלאסען פון דער ארבייט דריי־פיערטעל פון אונזער־מיטגליעדערשאפט. זיי האבען געוואלט זיין אין דער לאגע צו קענען אונז געבען א „פייט" אין די דריי קאלטע סלעק מאנאטען פון יאהר, ווייל דאן וואלטען זיי געקענט אונז גוט אויסהונגערען און צווינגען נאכצוגעבען זייערע קאפריזען. מיר האבען געגען דיעזען פארשלאג זייערען שטארק געקעמפפט און — געוואונען. דיעזער גרויסער קאמפף האט זיך אנגעהויבען אין מאי 1892 און מיר האבען דאן געהאט אין אונזער קאסע ווענינער פון 22 טויזענד דאלאר. דער לאקאויט האט אנגעהאלטען פון 3 מאנאט אין מאנכע ערטער, ביז 18 מאנאטען אין אנדערע ערטער. און האט איבערצייגט אונזערע מעמבערס, אז עס איז א מיסטייק צו צאהלען קליינע דיוס און ניט צו האבען קיין רעפענס־פאנד.

עס וואלט געווען שווער אויסצוהאלטען מיט פינאנצען אזא שווערען קאמפף, זאגאר מיט הויכע דיוס. עס איז אבער געווען נאך שווערער צו העלפען אונזערע אויסגעשלאסענע מעמבערס און פערזארגען זיי מיט לעבענס־בעדערפניסע מיט די דעמאלדיגע קליינע דיוס. צוערשט האבען די מעמבערס, וועלכע האבען געארבייט, געמוזט צאהלען אסעסמענטס פון 60 סענט א טאג, נאכהער 25 סענט א טאג און שפעטער 12½ סענט א טאג, אום אנצוהאלטען דעם גרויסען קאמפף. אחוץ פערלוסטען אין שכירות און אנדערע אפפער, האט דער קאמפף אונז געקאסט אין בארע געלד איבער א פערטעל מיליאן דאלאר.

אנשטאט צו צאהלען די מעמבערס אין קעש געלד, וועלכעס מיר האבען ניט געהאט, האבען מיר ארויסגעלאזען „לאקאויט סערטיפיקייטס" און געגעבען זיי צו די מעמבערס אנשטאט קעש. דאס הייסט, מיר האבען זיך פערפליכטעט די אנווייזונגען אויסצולייזען, אזוי גיך ווי די יוניאן קאסע וועט קומען צו זיך. יעדער אנווייזונג איז געווען אויף א דאלאר, א דאלאר א טאג. עס האט אונז גענומען זעקס יאהר, ביז מיר האבען אבגעצאהלט דעם חוב. אין 1897 האבען מיר געהעכערט אונזערע דיוס ביז 70 סענט א מאנאט. שפעטער זיינען די דיוס געהעכערט געווארען ביז א דאלאר א מאנאט.

אונטער דער צייט האבען מיר פערקלענערט אונזערע ארבייטס־שטונדען פון 9 ביז 8 א טאג און אויסגעווירקט, אז די שכירות זאלען געצאהלט ווערען אין קעש יעדע וואך.

אין 1900, ווען דער 8־שטונדיגער טאג איז אריין אין קראפט אין אונזער טרייד, האבען מיר געביטען די צייט פון די אגרימענטס. ווען מיר האבען בעקומען א גוטען אגרימענט, האבען מיר איהם אונטערשריעבען אויף 5 יאהר; טאמער איז דער סעטלמענט געווען ווענינער צופריעדענשטעלענד, האבען מיר דעם אגרימענט אונטערשריעבען אויף 2 אדער 3 יאהר.

א סך באסעס און א טהייל פון אונזערע מעמבערס, וואס האבען ניט דורכגעמאכט דעם גרויסען קאמפף אין טרייד, האבען נביאות געזאגט, אז אונזער יוניאן וועט אויפהערען צו זיין אקטיוו און ווירקזאם, צוליעב דעם וואס די אגרימענטס ציהען זיך א לאנגע צייט. זייער ארגומענט איז געווען, אז די מעמבערס וועלען ניט צאהלען קיין דיוס, ווען זיי וועלען דיינקען, אז זייערע בעדינגונגען קענען ניט פערבעסערט ווערען פאר א צייט פון איינינע יאהרען.

מילא, ווען די באסעס האבען דאס געזאגט, איז דאס געווען דערפאר וואס זיי האבען עס געוואונשען. אבער אונזערע מעמבערס האבען

דאס איינפאך: אז די לאנד שיקט ארויס איהר לעבענס־קראפט, איהר אמת'ע רייכטום, צו גא־ ציאנען וואס זיינען פערנומען בלויז מיט פער־ ניכטונג, און קריגט דערפאר שטיקלאך פאפיער פאר וועלכע עס וועט אין שפעטערע צייטען אהער געשיקט ווערען גאלד.

וואס טויגען די שטיקלאך פאפיער, ווען מען שיקט ארויס פון לאנד די ווייץ, די אייזען, די שטאל, די פערד, די לעדער, די וואל און באוועל, די אויטאמאבילען און אנדערע סחורות, וועלכע וועלען זיך קיינמאל ניט צוריק קעהרען?

די אמת'ע רייכטום פון לאנד, וואס ארבייט בעשאפט, נעהט מען אונז אוועק אויף אייביג. מיר וועלען דערפאר האבען שטיקלאך פאפיער; בעסער געזאגט, די קאפיטאליסטען וועלען זיי האבען. קען דאס פאלק עסען די פאפיער? די לעבענס־מיטלען האלטען אין איין שטייגען אין פרייז. אלץ איז טייערער ווי פריהער. איז עס ניט מיינטענס דערפאר, וואס דיזע לעבענס־ מיטלען ווערען אלץ מעהר און מעהר ארויסגע־ שיקט פון לאנד און דאס פאלק איז געצוואונגען, אלץ מעהר און מעהר, צו צאהלען העכערע פרייזען פאר לעבענס־בעדערפניסע?

עס איז נאך א פאקט: מען גלויבט כמעט איבעראל, אז עס וועט פאר די איראפעאישע רעגיערונגען זיין אונמעגליך צו צאהלען די פראצענט פון די שולדען וואס זיי מאכען איצט; דעם קרן אודאי ניט.

ענגלאנד'ס מלחמה־אויסגאבען זיינען 24 מיליאן דאלאר א טאג—א מיליאן דאלאר א שטונדע. פראנקרייך'ס הוצאות זיינען ניט פיעל ווייניגער. די מלחמה־רעגיערונגען ברייננען אויס, ניט איבערצוטרייבען, 80 מיליאן דאלאר א טאג. פון וואנען וועלען זיי נעהמען אבצוצאהלען די חובות, ווען פריעדען וועט געשלאסען ווערען און עס וועט זיך ארויסשטעלען, אז די לענדער האבען אויסגעבראכט כמעט אלעס וואס האט געהאט א ווערטה, וועהרענד די בליהענדע און בעסטע יוגענד ליגט בעגראבען אין די טרענטשעס?

געוויסע מענשען ווערען רייך פון מלחמות; זיי קלייבען צוזאמען א סך שטיקלאך פאפיער. אבער דאס פאלק ווערט פון די מלחמות פער־ ארימט. די פראספעריטי, וואס קומט פון די אמוניציע געשעפטען איז א פאלשע פראספע־ ריטי; עס מיינט גאלד און פאפיער וועקסלען פאר מארגאנ'ען, אבער נ א ר ל י ש ט פאר די מאססען. דער פועל יוצא דערפון איז, אז מארגאנ'ס עשירות וועט פערגרעסערט ווערען מיט אונצעהליגע מיליאנען און פאר דעם פאלק וועט דאס לאנד האבען פערלארען די ווערטה־ פולע זאכען וואס מענשליכע ארבייט שאפט.

# די „גראניט קאטערס" יוניאן און איהר סיסטעם פון דיוס און בענעפיטס

דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל יוניאן פון גראניט שטיין ארבייטער דערצעהלט אין דיעזען ארטיקעל וויאזוי די יוניאן האט געהאט צו קעמפפען מיט די באסעס און אנדערע טרייד־ אויסשטענדען אונטער א סיסטעם פון קליינע דיוס און ווי די יוניאן האט פער־ בעסערט די ארבייטערס' לאגע און געשטעלט זיך אויף א פעסטען פונדא־ מענט, צוליעב דער איינפיהרונג פון א סיסטעם פון הויכע דיוס

פון דזשיימס דאנקען
*(פרעזידענט פון דער יוניאן)*

איידער אונזער אינטערנעשאנעל איז ארגא־ ניזירט געווארען, אין מערטץ 1877, זיינען די לאקאלע יוניאנס אין אונזער טרייד ניט געווען זעהר ווירקזאם. אויסער אין איינינע ערטער. זעלטען וואו האט א יוניאן געהאט א רעזערוו פאנד אדער „דעפענס פאנד".

און ווען אונזער אינטערנעשאנעל איז שוין געווען ארגאניזירט, איז געווען שלעכט אין טרייד. די שכירות זיינען געווען קליינע און מען האט דאן ניט געטראכט פון צאהלען הויכע דיוס. 20 יאהר נאכאנאנד האבען די מעמבערס גע־ צאהלט 30 סענט א מאנאט דיוס; ווען א מעמ־ בער איז געשטארבען האט מען ארויסגעלעגט אויף יעדען מעמבער אן אסעסמענט פון 5 סענט און דערפון האט מען געצאהלט 125 דאלאר טויטען בענעפיט צו זיין פאמיליע. מיר הא־ בען זיך דאן זיך עס איז אויסגעוועט מיט דיזע צאהלונגען. אבער מיר האבען קיינמאל ניט גע־ האט גענוג פאנדס צו העלפען אונזערע מעמ־ בערס אויף א ריכטיגען אופן. מיר זיינען ניט געווען אימשטאנד אנצוהויבען גרויסע בעוועגונ־ גען און ניט געקענט פערטהיידיגען די ברעק־

זיי זיינען געווען 18 יאהר אין דער יוניאן, און די לעצטע 10 יאהר גושטעהענדע מיטגליעדער, ווערען זיי אין גאנצען בעפרייט פון צאהלען דיוס און אסעסמענטס. זיי זיינען בערעכטיגט צו אלע בענעפיטס און קענען ארויסנעהמען 125 דאלאר פון די 200 דאלאר טוידטען־בענעפיט. 75 דאלאר שטעלט זיך אב אין דער קאסע אום צו גאראנטירען פאר פאסענדע לויה־קאסטען ווען דער מעמבער שטארבט.

ווען מעמבערס ווערען 62 יאהר אלט, און זיינען געווען 20 יאהר אין דער יוניאן, צאהלען מיר זיי 10 דאלאר א מאנאט, פאר די 6 מאנאטען אין יאהר פון נאוועמבער ביז אפריל, סיי זיי ארבייטען סיי ניט, סיי זיי ארבייטען אין אונזער טרייד, סיי ביי אנדערע ארבייט.

עס גיט צו מוטה צו וויסען, אז פאר איין דאלאר א מאנאט קען מען דאס אלץ טהאן פאר די מעמבערס.

מיר האבען לעצטענס געהאט א גרויסען קאמפף אין ווערמאנט. אבער הגם מאנכע פון אונזערע גרעסטע קעמפפע זיינען געווען אין דעם סטייט, דאך איז די „גראניט קאטטינג טרייד" אין ווערמאנט פאלשטענדיג ארגאניזירט. א גראניט קאטטער אין דיעזען סטייט וועלכער איז ניט קיין יוניאן־מאן, ווערט בעטראכט, דאס ענטוועדער ער איז אראב פון זינען אדער ער איז ניט קיין ריכטיגער ארבייטער. איניגע מיילען אויף דרום זייט פון דעם גראניט „באר־טעל" אין דיעזען סטייט, געפינט זיך דער מאר־מאר „גארטעל" — די טרייד פון שליידען און צופערטיגען דעם מארמאר שטיין. דיעזער געגענד פערזארגט דאס לאנד מיט 60 פראצענט פון דעם געשניטענעם מארמאר שטיין. דאך געפינט זיך ניט קיין שפור פון ארגאניזאציאן צווישען די דארטיגע ארבייטער. ניט זיין ארגאניזירט איז נאטירליך ערגער ווי קליינע דיוס, אבער ביידע זיינען פאר ארבייטער גרויסע מיסטייקס.

דער קאמפף וואס איז ערשט דערמאהנט געווארען, האט געדויערט עלף וואכען און אונזער רעפענס פאנד האט אויסגעצאהלט 207 טויזענד דאלאר. אבער מיר האבען געוואונען, און מיר האבען א גוטען אגרימענט, וואס דארף נאך אנהאלטען 4½ יאהר. פון נעכסטען פריהלינג אן, וועט דער מינימום לוין זיין 50 סענט א שטונדע; 44 שטונדען א וואך ארבייט; שכירות ווערט אויסגעצאהלט אין קעש יעדע וואך. די יוניאן האט א דעה אין רעגולירען אדער אבשאפען געווערקציג, וואס זיינען שעדליך פאר די ארבייטערס' געזונד. סכסוכים ווערען געשליכטעט דורך דזשאינט קאמיטעס, וואס ווערען בעשטימט פאר דעם צוועק. פרישע, קאלטע וואסער ווערט בעזארגט פאר די ארבייטער אין די שעפער. עס זיינען איינגעפיהרט סאניטארע בעדינגונגען און דער אגרימענט האט אנדערע פונקטען לטובה די ארבייטער.

איך האב זיך מייסטענס בעצויגען צו דעם סטייט ווערמאנט, דערפאר ווייל עס ארבייטען דארטען א גרויסע צאהל גראניט שטיין ארבייטער. אין אנדערע ערטער אין נארטה אמעריקא האבען אונזערע ארבייטער ענהליכע בעדינגונגען. אין פיעלע ערטער קריגען זיי א מינימום לוין פון איבער 4 דאלאר א טאג. פון נעכסטען פריהלינג אן, וועט דער מינימום לוין זיין 4 דאלאר א טאג פאר אונזערע יוניאן־לייט איבער'ן גאנצען לאנד.

די פערקלענערונג אין שטונדען פון 10 און מעהר שטונדען א טאג ביז 44 שטונדען א וואך; דער מינימום לוין פון 50 סענט א שטונדע, וואס מיינט א העכערונג פון 2 דאלאר א טאג אין פערגלייך מיט פריהערדיגע צייטען; וועכענטליכע צאהלונג אין קעש אנשטאט מאנאטליכע דורך די סטארס פון די באסעס; מענשליכע בעהאנדלונג און סאניטארע בעדינגונגען — אט די אלע זאכען בעצייכענען ווירקליכען פראגרעס. די יוניאן האט דיעזען פראגרעס ערריכט דורך טריידיוניאן טהעטיגקייט און מייסטענס דורך א סיסטעם פון הויכע דיוס און דורך דער סאלידאריטעט און איינינקייט פון אונזערע מעמבערס.

ניט געטאָרט דאָס זאָגן; זיי האָבן דערמיט געצייגט, ענטוועדער דאָס זיי ווילען זיך רייצען מיט די בעאַמטע, אָדער אַז זיי זיינען ניט אימשטאַנד צו אורטהיילען ריכטיג. די שטיין־אַרבייטער, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגען מיט דיעזע מיינונגען, זיינען ניט געוועזען פון יענע וואָס האָבן געליטען הונגער און נויט, בשעת זיי האָבן פערטהיידיגט יוניאָן פרינציפען. זיי זיינען ניט געווען געצוואונגען צו אַרבייטען א טאָג דאָ און א טאָג דאָרטען, כדי אויפצוהאַלטען די אָרגאַניזאַציאָן און דורכפיהרען איהר ציעל. זיי האָבן זיך ניט גענומען די מיה אויסצופאָרשען, וואָרום די וואָס האָבן יע געליטען מיט זייערע פרויען און קינדער, צו העלפען דער יוניאָן אויסקעמפפען בעסערע בעדינגונגען פאַר אַלע מעמבערס, זאָלען מסכים זיין אויף פינף־יעהריגע אַגרימענטס.

אי די באָסעס, אי די דאָזיגע אַרבייטער האָבן געהאַט א טעות. די אַרבייטער האָבן יע געצאָהלט זייערע דיוס; די יוניאָן האָט זיך געפיהרט עקאָנאָמיש; און ווען די ערשטע אַגרימענטס זיינען* אויסגעגאַנגען, האָט אונזער קעמפפענדע, קאָמפּאַקטע יוניאָן געהאַט 250 טויזענד דאָלאַר אין איהר קאַססע.

און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? ווען די באָסעס האָבן דערפיהלט אונזער מאַכט און פרעסטיזש, האָבן זיי אַליין פאָרגעשלאָגען, אַז זייערע קאָמיטעס זאָלען זיך צוזאַמענקומען מיט אונזערע קאָמיטעס א צייט איידער די אַגרימענטס געהען אויס, און זיך דורכרעדען וועגען העכערונגען און אַנדערע נייע בעדינגונגען. זיי האָבן זיך כלומר׳שט פערענטפערט מיט דער בעמערקונג, אַז מענשען ווערען פערנינפטיגער, און אַז עס איז גלייכער איינצופיהרען א בעסערען סיסטעם פון דורכקומען וועגען פרייזען, איידער דעם סיסטעם פון סטרייקס און לאָקאויטס.

זיי זיינען אַלזאָ געקומען צום שלום, אַז מען קען ניט מעהר אָב׳פּטר׳ן די גראַניט שטיין אַרבייטער מיט אַגרימענטס אויף קורצע טערמינען, קליינע הונגער שכירות און צרה׳דיגע בעדינגונגען. מיט די ווערטער „מענשען ווערען פערנינפטיגער” האָבן זיי נאַטירליך געמיינט אונזער גרויסען „רעספּעקט פאַר”.

---

שוין היבשע עטליכע יאָהרען ווי אונזערע מעמבערס צאָהלען א דאָלאַר א מאָנאַט דיוס.

מיר האָבן קיין סיסטעם פון פער קעפּיטאַ. אונזער קאָנסטיטושאָן לויטעט, אַז די לאָקאַלס דעקען זייערע עקספּענסעס אין דער באַלאַנס ווערט אָבגעשיקט אין דזשענעראַל אָפּיס. די אַלגעמיינע קאַסע איז אונטער דעם קאָנטראָל פון דער אינטערנעשאַנעל, וועלכע קויפט פאַר די געלד „יונייטעד סטייטס באָנדס” (רעדזשיסטרירטע), וואָס צאָהלען 4 פּראָצענט. עס האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז מיר האָבן די באָנדס געמוזט פערקויפען, און דער פּרייז האָט פונקט געהאַלטען אין שפּיינגען, האָט דער פּראָצענט בייגעטראָגען צו אונזער סטרייק פאַנד 6 טויזענד דריי הונדערט דאָלאַר.

אין נאָוועמבער 1909 האָט די גראַניט מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, אין דעם געגענד פון ווערמאָנט, אויסגעשלאָסען אונזערע מעמבערס. דער לאָקאויט האָט אָנגעהאַלטען ביז וואַשינגטאָן׳ס געבורטסטאָג פון 1910 און איבער דער צייט האָבן מיר אויסגעצאָהלט פון אונזער יוניאָן קאַסע, אין לאָקאַל בענעפיטס, 192 טויזענד דאָלאַר, אָהן אַרויפצולייגען אַסעסמענטס אויף אונזערע מעמבערס, אָדער צו אַפּעלירען צו אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנען פאַר פינאַנציעלע שטיצע. מיר האָבן געוואונען דעם קאַמפּף; און דערפאַר וואָס די באָסעס האָבן געבראָכען דעם אַגרימענט, האָבן מיר דורך דעם נייעם סעטלמענט געוואונען פאַר די אַרבייטער א העכערונג פון 4 סענט א שטונדע און א פערשטענדיגונג, אַז אין דער צוקונפט טאָרען זיי אַזעלכע לאָקאויטס ניט מאַכען.

פיהרענדיג דעם קאַמפּף פאַר בעסערע שאַפּ־בעדינגונגען, האָבן מיר דערווייל ניט פערגעסען וועגען אַנדערע בענעפיטס פאַר די אַרבייטער. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז מיר צאָהלען די פאָלגענדע בענעפיטס:

ווען א מעמבער שטאַרבט, צאָהלט די יוניאָן 200 דאָלאַר.

ווען א מעמבער פערליערט אן אויג ביי דער אַרבייט, צאָהלט די יוניאָן 500 דאָלאַר.

ווען מעמבערס געהען אום לעדיג, צאָהלען זיי בלויז א העלפט דיוס.

ווען מעמבערס ווערען 50 יאָהר אַלט און זיי זיינען געווען 15 יאָהר אין דער אָרגאַניזאַציאָן, צאָהלען זיי בלויז א העלפט דיוס, און ווען זיי געהן אום לעדיג, צאָהלען זיי בלויז א פערטעל דיוס.

ווען מעמבערס ווערען 60 יאָהר אַלט, און



בעאמטע און מעמבערס פון דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 4 באלטימאר.

# די קלאוקמאכער יוניאן לאק. 4 באלטימאר

א יעהרליכער רעפארט און איבערבליק אויף די פאסירונגען און טהעטיגקייט פון אונזער לאקאל אין 1915.

מיר פיהלען זיך זעהר צופריעדען מיט די רעזולטאטען פון אונזער טהעטיגקייט אין דיזער שטאדט. דער גרויסער שטורם פון דעם דזשעי נעראל סטרייק אין 1913 האט געלערענט די אר־בייטער, אז זייער איינציגע וואפע איז די יוניאן.

אונזער לאקאל האט שטארק געליטען פון די לעצטע שלעכטע סיזאנס, דאך זיינען 90 פראָ־צענט ארבייטער פון טרייד ארגאניזירט.

## די באסעס שטעלען ביי אונז פאדערונגען.

אין אפריל 1915 האבען די באסעס אונז איינגעלאדען צו קאנפערירען וועגען א קאלעק־טיווען אגרימענט. מיר האבען אפאינטעד א קאמיטע פון דער עקזעקוטיוו, און ווען מיר זיינען זיך צוזאמענגעקומען האבען זיי פון אונז פער־לאנגט „איין קליינינקייט" — אז נאכ'ן סיזאן זאלען זיי קענען אוועקשיקען וועלכען ארביימער זיי ווילען. מיר האבען זיי דאס נאטירליך פאל־שטענדיג ענטזאגט. דאן האבען זיי פערלאנגט צו קענען אוועקשיקען ארבייטער פאר בלומר'ש שלעכטע אויפפיהרונג אין שאפ. מיר האבען נא־טירליך פערשטאנען וויער מיין . . . און נאך עטליכע וואכען קאנפערירען, וואו אונזער קא־מיטע האט נעטריים מיט זיי דורכצוקומען אויף א ביזנעסמעסיגען אופן, האבען מיר אלע זייערע פלענער, אויף ערגער מאכען די ארבייטער לאגע, צוריקגעוויזען.

אייניגע מאנאטען שפעטער האבען מיר אויף זייער פערלאנג ווידער קאנפערירט מיט זיי וועגען א פראטאקאל. מיר האבען אבער אויסגע־פונען, אז זיי האבען נאר ניט קיין אסאסיאיי־שאן, נור אז זיי ווילען האנדלען ביי אונז א „בארגען" אום די אסאסיאיישאן אויפצוהאלטען. האבען מיר בעשלאסען זיי אין גאנצען צו איג־נארירען און גלייך נאך דעם איז געווארען אויס באסעס אסאסיאיישאן.

## דער סטרייק ביי דער מאנומענטאל סקוירט קאמפאני.

ביי דיזער פירמע האט מען געארבייט פון וואך, און אין דזשענעראל סטרייק האט די פיר־מע געמיינט אן אגרימענט מיט דער יוניאן און פערשפראכען אז פון יאנואר 1915 אן וועט מען סעטלען פרייזען און ארבייטען פון שטיק. נאכהער האט די פירמע ניט געהאלטען דעם אבמאך. מיר האבען געטריינ דורכקומען אויף א פריערליכען אופן און ענדליך זיינען מיר גע־ווען געצוואונגען צו ערקלעהרען דעם שאפ אין סטרייק. נאך 15 וואכען סטרייקען האבען מיר געשיקט די סטרייקערס אויף אנדערע פלעצער און געשטעלט דעם שאפ אויף דעם „אנפעיר ליסט". די פירמע האט געמוזט בעשעפטיגען שווארצע, ווייל אנדערע ארבייטער ווילען ביי איהר ניט ארבייטען. מען קען זיך פארשטעלען ווי זי זעהט אויס מיט איהרע ניגערשע בעל מלאכות.

## דער סטרייק ביי מאדאם פיושעל.

נאך אונזער פעראייניגונג מיט די לײדיס טיילארס לאקאל 34 איז ערקלעהרט געווארען א סטרייק אין דעם אויבען־דערמאהנטען שאפ. אבער טראץ אלע קאנפערענצען מיט דער מא־דאם, איז אונז צום בעדויערען דאך נישט געלונ־גען צו סעטלען דעם סטרייק. אונזערע מעמבערס האבען זיך אריינגעווארפען אין דעם קאמפף און געשטיצט דעם סטרייק פינאנציעל און מאראַ־ליש. אונזערע פיקעטס זיינען ארעסטירט גע־ווארען. עס האט געקאסט געלד אהן א שעור, אבער אהן וועלכע רעזולטאטען.

דער ניו יארקער סקעב אגענט מולסעם האט געשיקט זיינע שלעגער אהער נאך באלטימאר ארויסצוהעלפען דער מאדאם פיושעל אין איהר נויט און אויסגייהען אביסעל ארבייט. אבער אנשטאט ארבייט האבען זיי בלויז געוואשט דעם שאפ; ארבייטען האבען זיי ניט געקענט. זיי האבען אבער געכאפט א פינסטערע מפלה אין פאלים קאורט, ווען מען האט זיי פערקלאגט אלס פראפעסיאנעלע שלעגער. נאך א קאמפף פון 18 וואכען האבען מיר בעשלאסען דעם סטרייק אבצורופען.

גרינדעט אויף גערעכטיגקייט פאר אלע;

אין אנבעטראכט, אז אין קאנבע לענדער פון אייראפא ווערט דאס אידישע פאלק נאך אלץ בער רויבט פון די עלעמענטארע פאליטישע און בירגערליכע רעכטע.

בעשלאסען, אז די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר פערלאנגט פון דער רעגירונג פון די פעראייניגטע שטאאטען צו פאדערען פון די רעגירונגען אין אנדערע לענדער ניט מעהר צו דיסקרימינירען געגען דעם אידישען פאלק אין די ערטער וואו דאס ווערט פראקטיצירט.

עס ווערט אויך בעשלאסען, אז די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר זאל אפעלירען אין דעם זעלבען זינן צו די ארגאניזירטע ארבייטער פון אלע נאציאנען.

די קאמיטע רעקאמענדירט, אז די רעזאלוציאן זאל אנגענומען ווערען און זאל איבערגעגעבען ווערען צו די דעלעגאטען וואס וועלען אטענדען דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער פריעדענס קאנפערענץ.

דער פארשלאג ווערט אונטערשטיצט.

פרעזידענט גאמפערס —

„ברודער בעוין, דער פראטווירנאל דעלעגאט פון ענגלאנד, האט מיר ערקלעהרט, אז דער בריטישער טרייד יוניאן קאנגרעס, וואס איז אבגעהאלטען געווארען לעצטען סעפטעמבער, האט אויך אנגענומען אזא רעזאלוציאן צו פערלאנגען פון דער ענגלישער רעגירונג צו שטעלען אזעלכע פאדערונגען צו די רעגירונגען וועלכע זיינען עובר דעם פרינציפ וואס איז ענטהאלטען אין דער רעזאלוציאן".

דער רעפארט פון דער קאמיטע ווערט אנגענומען.

---

## א פראקטישע פריעדענס־רעזאלוציאן.

קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן האט פארגעשלאגען א רעזאלוציאן אין קאנגרעס וואס האט געמאכט א רושם. אין ענגלאנד האט מען איינינע פון איהרע פונקטען ערקלעהרט פאר זעהר פראקטיש. לויט ווי עס הערט זיך, זיינען א סך קאנגרעסלייט און סענאטארען סימפאטיש צו דער רעזאלוציאן און די סאציאליסטישע פארטיי האט געשיקט 3 פערטרעטער — יודזשין וו. דעבס, מארקים הילקוויט און דזשיימס מאורער — צו פרעזידענט ווילסאן, פערלאנגען פון איהם, ער זאל אונטערשטיצען די רעזאלוציאן. די רעזאלוציאן איז ווי פאלגט:

אין אנבעטראכט, אז דאס פאלק פון די פעראייניגטע שטאאטען, זייענדיג נייטראל, קען ניט זיין גלייכגילטיג צו דעם קאנפליקט פון ברודערמארד וואס פערניכטעט אייראפא;

אין אנבעטראכט, אז וואס לענגער די מלחמה האלט אן, אלץ מעהר טרויען די גרעסטע פון פיזישע קראפט פערגרעסערען דעם ארט פון אנדערע גרעסטע פאר מענשליכע אויפפיהרונג;

אין אנבעטראכט, אז די מלחמה האט בעשאפען א צושטאנד פון שרעק אין די מוחות פון מיליאנען פון דעם אמעריקאנישען פאלק, וואס סטראשעט די נארמאלע ענטוויקלונג פון דיעזער נאציאן און פערדונקעלט די ריכטיגע אידעאלען, וואס שטעהן פאר אונזער דור טיט די אידעאלען פון „פריפערעדנעס" אדער פארבערייטונג געגען אן אונזיכטבארען שונא אהן א נאמען;

אין אנבעטראכט, אז אן ערקלעהרונג פון דער לעדזשיסלייטשור פון דער גרעסטער נייטראלער נאציאן אין דער וועלט, צו גונסטען פון א באלדיגען קאנפערענץ פון נייטראלע נאציאנען, וואלט געשטארקט די האנד פון דעם פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען און זיינע אנשטרענגונגען פאר אינטערנאציאנאלען פריעדען, דאריבער ווערט

בעשלאסען ביים סענאט און האוז אוו רעפרעזענטעטיוום פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא, וואס איז פערזאמעלט אין קאנגרעס, אז דער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא ווערט היערמיט בעאויפטראגט צו פערזוכען א קאנגרעס פון נייטראלע נאציאנען, וועלכע זאלען פארשלאגען צו זיין פערמיטלער צווישען די שטרייטענדע נאציאנען און זאלען אבהאלטען אונאויפהערליכע זיצונגען ביז צו ענדע פון דער מלחמה.

עס ווערט אויך בעשלאסען, אז דער סענאט און האוז אוו רעפרעזענטאטיוום זיינען דער מיינונג, אז א דויערהאפטער פריעדען קען נור דאן געשלאסען ווערען, ווען די פאלגענדע פרינציפען וועלען זיין דער באזיס פאר די דיסקוסיאנען ביי דעם דערמאנטען קאנגרעס פון נייטראלע נאציאנען:

ערשטענס—די פערנומענע טעריטאריע זאל צוריקגעגעבען ווערען.

צווייטענס—די אונטערדריקטע נאציאנען זאלען בעפרייט ווערען.

דריטענס—די בעפעלקערונג פון עלזאס־לאטרינגען, פוילאנד און פינלאנד זאלען אבשטימען וועגען דעם, צי זיי ווילען בלייבען געטריי צו־וועלכער עס איז רעגירונג אדער זיי ווילען אונאבהענגיגקייט.

פירטענס—דאס אידישע פאלק זאל בעפרייט ווערען פון יעדע פאליטישע און בירגערליכע בעשרייבונג אדער מערבאט, אומעדום וואו אזא בעשרייבונג אדער פערבאט עקזיסטירט.

פינפטענס—פרייהייט אויף די ימים.

זעקסטענס—מען זאל איינשטעלען וועגען שטרענגערע ענטוואפנונג.

זיעבעטענס—עס זאל געגרינדעט ווערען אן אינטערנאציאנאלע קאורט פאר ארביטריישאן און די שטראף פאר דער נאציאן וואס וועט ניט פאלגען זאל זיין דער האנדעלס בויקאט.

## אונזער „רעליעף פאנד".

אונזער לאקאל האט איינגעזעהן די וויכטיגקייט פון אזא פאנד און האט בעוויליגט 100 דאלאר פון דער טרעזשורי פאר דיעזען צוועק. א דאנק די פערוואלטערס פון דער רעליעף קאמיטע, זיינען אונזערע מיטגליעדער געהאלפען געווארען ווי ווייט מעגליך. 500 דאלאר איז צוטיילט געווארען צו די וועלכע האבען זיך אין דעם גענויטיגט. אונזערע מעמבערס וועלען איינזעהן ווי נויטיג עס איז, אז זיי זאלען בייסטייערן צו דיעזען פאנד, כדי מיר זאלען קענען געהן מיט דיעזער ארבייט פארווערטס.

## גוטע פערדיענסטען אין פאלל־סיזאן.

אין מאנאט דזשון האט אונזער עקזעקוטיוו אנגעפאנגען מאכען פארבערייטונגען פאר סעטלען פרייזען אין די שעפער. מיר האבען פערופען שאפ־מיטינגס און געגעבען די ארבייטער און די שאפ־טשערליים גענויע אינסטרוקציאנען וועגען מאכען פרייזען, אזוי אז מען זאל קענען א לעבען מאכען. ספעציעלע פרייז־קאמיטעס זיינען געשיקט געווארען אין די שעפער פאר דיעזען צוועק. עס פרעהט אונז מיטצוטהיילען, אז אונזערע מיטגליעדער האבען גאנץ גוט פערדיענט דיעזען סיזאן. עס וועט נישט זיין איבערטריבען צו זאגען, אז זיי האבען אזוי פיעל פערדיענט ווי די ארבייטער אין די גרויסע פענסטער פון דער פינפטער עוועניו אין ניו יארק.

## דער סטרייק ביי דער קיסמאן סקוירט קא.

דיעזע באסעס, וועלכע קליימען צו זיין גרויסע פילאנטראפען און גוט־הערציגע מענשען, האט זיך פערוואלט ארונטערצושניידען די ארבייטס־פרייזען אויף א העלפט. מיר האבען אנגעווענדעט פערשיעדענע מיטלען צו שליכטען דעם טראבעל, אבער די באסעס האבען אונזערע גערעכטע פאדערונגען ניט געוואלט נאכגעבען.

די ענדע איז געווען, אז מיר האבען ערקלעהרט א סטרייק ביי דיעזער פירמע. דער סטרייק איז אנגעגאנגען גאנץ גוט; אבער א פראפעסיאנעלער סקעב פון אלע יאהרען, א ברודער פון איינעם פון די באסעס, האט פערראטען די ארבייטער און איז ארויף סקעבען. דער סטרייק גערט שוין אן פאר די לעצטע 22 וואכען, אבער די יוניאן איז ענטשלאסען צו קעמפפען ביז באמע ענדע. ענדליך וועט זי דאך מוזען נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער. לויט ווי מיר האבען געהערט, האלט עס ניט זעהר גלאט מיט דיעזע פילאנטראפען. די שותפים רייסען זיך ארום און עס האלט ביי א מחלוקה מיט די ביזנעס. אונזערע מעמבערס זיינען געבעטען, ווען זיי געהען פערביי דיעזען שאפ, אויפצופאסען אז אויפריכטיגע ארבייטער זאלען ניט פערנארט ווערען ארויף צו דער ארבייט, און יעדער מעמבער מיט א ריינעם געוויסען ווערט געווארענט נעגען דיעזען שאפ, ווייל וועלכער עהרליכער ארבייטער וויל דאס ווערען א סקעבישע נשמה און פערזינדיגען זיך נעגען דער יוניאן און זיינע ברידער ארבייטער?

צום שלוס וויל איך זאגען, אז טראץ אלע קעמפפע וואס אונזער לאקאל האט דורכגעמאכט אין דעם פערגאנגענעם יאהר, שטעהען מיר היינט גאנץ גוט. אונזער יוניאן וועט אימער בעשטעהן אויף די רעכטע פון די ארבייטער אין די שעפער און ניט ליידען קיין קריוודעס פון די באסעס. פאר דיעזען צוועק עקזיסטירען מיר און דאס איז אונזער אויפגאבע. אונזער אינטערנעשאנעל זאלט געטהאן א גוטע זאך, ווען זי וואלט אנגעשטעלט אין באלטימאר אן ארגאנייזערין, א פרוי, צו ארגאניזירען די פרויען ארבייטער ביי וויסטס, סקוירטס און טשילדרען דרעסעס. דאס איז זעהר, זעהר נויטיג.

בן צבי.

## וויכטיגע פאסירונגען

די רעזאלוציאן וועגען גלייכע רעכטע —

איז פארגעשלאגען געווארען ביים קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר אין סען־פראנציסקא, פון די דעלעגאטען בענדזשאמין שלעזינגער און ס. פאלאקאף, אינטערנעשאנעל ל. ג. וו. יוניאן; מאקס צוקערמאן, „יונייטעד קלאטה העט און קעפ־מייקערס פון נארטה אמעריקא און דזשייקאב גאלדשטיין, אינטערנעשאנעל בעקערס יוניאן. די רעזאלוציאן איז ווי פאלגט:

אין אנבעטראכט, אז דאס פאלק פון די פעראייניגטע שטאאטען האט דאס גוטע גליק צו זיין פערהעלטניסמעסיג פריי פון דער טיראטאבע פון'ם אייראפעאישען שטרייט, פון זיינע שנאות און זיינע פאראורטיילע;

אין אנבעטראכט, אז דאס פאלק און די רעגירונג פון די פעראייניגטע שטאאטען זיינען בכח אויסצואיבען א גוטען איינפלוס און העלפען דער וועלט לייגען א פונדאמענט פאר א דויערהאפטען און שטענדיגען פריעדען, וואס זאל זיין בע־

# אַ טהייערער ביסען

(ערצעהלונג)

פון אַ. ראָזבורי.

אַ געוויסען דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג, ווען שמאָלער דער „פּאָעט" איז פריי געוואָרען פון זיין אַרבייט, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער חשק צו געהן אין פּאַרק שפּאַצירען.

דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז היינט וועט ער געפינען „צלחה"... יע, ער האָט זיי אַלעמען אין דר'ערד, האָט ער זיך געטראַכט. זאָלען זיי, די מיידלאַך וואָס ציהען דאָרט די פעדים, לאַכען פון איהם. זיי וועלען שוין לאַכען מיט יאַסטשערקעס. ער איז אויף זיך אַליין אַ בעסערער מבין און ער וועט שוין געפינען אַ געזונטע, פרישע מיידעל וואָס וועט איהם בעגליקען. אַזוי האָט ער יענעם דאָנערשטאָג אַ גאַנצען טאָג געטראַכט און געבויט פערשיעדענע לופט־שלעסער אין זיין פאַנטאַזיע. יע, מאָרגען וועט ער פון זיי לאַכען.

שמאָלער איז בעקאַנט געווען אין שאָפּ אַלס „יאַסעלע פּאָעט", ווייל ער פלעגט אימער זינגען אָדער דעקלאַמירען שטיקלאַך גראַמען מיט וועלכע ער פלעגט זיך בעריהמען אַלס זיין אייגענע פערפאַסונג. אין זיין בוזים־קעשענע האָט ער אימער געהאַט אַ פּעקעל אָנגעשריעבענע פּאַפּיערלאַך און מיטאָג־צייט פלעגט ער זיך אין זיי ערנסט פערטיעפען.

צווישען יאַסעלען און די מיידלאַך אין שאָפּ איז געוואַקסען די שנאה פון טאָג צו טאָג. אָבער וואָס מעהר זיי האָבען פון איהם געלאַכט, אַלץ מעהר האָט זיין נשמה געבענקט טאָג ווי נאַכט נאָך „איהר", די „געזונטע, פרישע מיידעל" פון זיין פאַנטאַזיע, וואָס וועט איהם בעגליקען.

אַנדערע בעקאַנטע מיידלאַך האָבען זיך מיט איהם אויך ניט גע'חבר'ט. עס איז געווען עפּעס אונאַנגענעהמעס אין זיין שטימע און גאַנצע בענעהמונג, וואָס האָט זיי פון איהם אָבגעטריבען, און זיינע גראַמען פלעגען גרילצען אין זייערע אויערען. די נאַטור האָט איהם פערפעהלט צו געבען געוויסע אָנציהענדע מעלות, אָבער דערפאַר איז די בענקשאַפט צום פרויען געשלעכט ביי איהם געווען נאָך שטאַרקער איינגעוואָרצעלט ווי ביי נאָרמאַלע יונגע לייט. אַלע בעקאַנטע מיידלאַך האָבען איהם אויסגעמיידען. האָט יאַסעלע אימער געוואָרפען אויגען אויף פרעמדע, איבערהויפּט אַזעלכע וואָס האָבען געהאַט אַ געזונדען, פרישען אויסזעהן.

יענעם דאָנערשטאָג האָט שמאָלער בעשלאָסען צו פאָהרען אין פּאַרק גלייך נאָך דער אַרבייט.

גערעדט און געטהאָן. אָבער ליידער ניט געטראָפען. ניט ווייל אין פּאַרק זיינען קיין מיידלאַך ניט געווען. פערקעהרט, די לופט צווישען די גרינע בוימער און דעם בלאָהען הימעל האָט אָבגעהילכט מיט זייערע זיס־קלינגענדע שטימען. ליכטיגע מיידעלשע אויגען האָבען געפינקעלט אין דער שיין פון דער לבנה. שעהן פערקאַמטע האָאַר, בעזעצט מיט גילדערנע און זילבערנע קאַמען און שפּילקעס האָבען געגלאַנצט און געבליאַסקעט אויף די האָאַר פון געזונדע, פרישע מיידלאַך בשעת זיי האָבען בע'חנ'ט געשאָקעלט מיט די קעפּ. זייערע ווייסע, מיט טול־בעפּוצטע בלוזקעס האָבען געפלאַטערט אין דעם וואַרימען ווינטעל וואָס האָט דאַן געבלאָזען. די נאַכט איז געווען זעהר אַ ליכטיגע און אַט די אַלע זאַכען, אויף וועלכע יאַסעלע האָט געקוקט מיט זשעדנעקייט, האָבען זיך קלאָר געוואָרפען אין די אויגען. יעדעס מאָל וואָס אַ מיידעלשער געלעכטער האָט זיך געטראָגען אין דער לופט, האָט יאַסעלע אַ נערוועזען ציטער געטהאָן. זיין נשמה האָט געלעכצט בעגליקט צו ווערען מיט אָט אַזאַ מיטעל־געוואַקסענע ברונעטקע, מיט די געקרייזעלטע האָאַר, רונדען פּנים, שטיפערישען גאַנג און הויכען, טרעללערענדען געלעכטער. אָבער כאָטש טהו זיך אָן אַ מעשה. יעדע מיידעל וואָס שפּאַצירט אָדער איז געזעסען אויף אַ באַנק מיט אַ יונגען מאַן, אָדער מיט אַ גרופּע אַנדערע מיידלאַך און עס איז צו זיי קיין צוטריט ניט געווען.

איבעריגענס איז שמאָלער איצט שוין געווען פּאָרויכטיג. ער האָט שוין איינמאָל בעצאָהלט גוטע רביגעלד. עס איז איהם אַמאָל אָקעגען געקומען איינע אַליין, אַ מיידעל, אַ גאָלד ; אַ

## די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען און די אמאַלגעמייטעד.

די פאָלגענדע רעזאָלוציאָן איז אָנגענומען געוואָרען אויף איינע פון די זיצונגען פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, נאָכדעם ווי סעקרעטער שיפּלאַקאָוו'ס רעפּאָרט איז אויסגעהערט געוואָרען:

אין אַנבעטראַכט, אַז די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָבען, צוליעב דער גאַנצקייט פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער בעוועגונג, בעשלאָסען צו אונטערוואַרפען זיך אונטער דעם בעשלוס פון דער קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר;

אין אַנבעטראַכט, אַז די קאָנווענשאָן פון דער א. פ. אָוו ל. האָט בעאויפטראַגט די עקזעקוטיווע צו מאַכען אַלעס מעגליכעס צו ברייננגען אייניגקייט אין דער מענער־קלאָידער אינדוסטרי, און דער פּרעזידענט ס. גאָמפּערס האָט פערשפּראָכען צו העלפען מיט ראַטה און טהאַט דיעזע אייניגקייט צו ברייננגען;

אין אַנבעטראַכט, אַז ס'איז אין די לעבענס־אינטערעסען פון די אידישע אַרבייטער אַריינצוקומען אין די רייהען פון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער בעוועגונג און קומען אונטער דעם באַנער פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, אָנהאַלטענדיג די פריינדליכסטע בעציהונגען צו די שניידער יוניאָנס, וועלכע זיינען ביז איצט געשטאַנען אין אונזערע רייהען, און אויסדריקענדיג דעם טיעפסטען בעדויערען, וואָס די פערטרעטערשאַפט פון די טויזענדער שניידער אַרבייטער, וועלכע זיינען איממער געווען א וויכטיגער טהייל פון די געווערקשאַפטען, מוז צייטווייליג אַרויסגעצויגען ווערען פון דיעזער קערפּערשאַפט:

בעשלאָסען מיר, ביי אונזער ספּעציעלען מיטינג, אַבגעהאַלטען מאָנטאַג, דעם 6טען דעצעמבער, אַז ביז די עקזעקוטיווע פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר וועט געלינגען צו ברייננגען די אָרגאַניזאַציאָן פון די מענער שניידער צו א פריעדליכען, געזונטען און געאייניגטען צושטאַנד, זאָל זיך דיעזע קערפּערשאַפט ענטהאַלטען פאָלקאָם נייטראַל צו די אמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס, ווי אויך צו די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס, און ביז יענעם געווינשטען מאָמענט ניט האָבען קיינע אָפיציעלע פערבינדונגען מיט קיינע פון די אָבטהיילונגען, וועלכע שטעלען צוזאַמען דיעזע צוויי קערפּערשאַפטען;

זיי עס אויך בעשלאָסען, אַז די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען פערפּפליכטען זיך צו העלפען די בעאַמטע און דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער א. פ. אָוו. ל. צו ברייננגען דעם נאָרמאַלען געווינשטען צושטאַנד; און

זיי עס ווייטער בעשלאָסען, אַז קאָפּיעס פון דיעזער רעזאָלוציאָן זאָלען געשיקט ווערען צו דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, צו די אמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס און צו די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס.

---

## א פּלאַן פאַר אמאַלגאַמיישאַן.

דזשאָהן ב. לעננאָן, דער טרעזשורער פון דער אַמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר און א מעמבער פון דער „דזשוירנימען טיילאָרס יוניאָן", שלאָגט פאָר דעם פאָלגענדען פּלאַן ווי ענדליך צו פעראייניגען די יוניאָנס אין שניידער אינדוסטרי; נעמליך, די דזשוירנימען טיילאָרס יוניאָן, יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס און אינטערנעשאָנעל לידיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן:

די 3 אינטערנעשאָנעלס זאָלען גרינדען א שטענדיגע קאָנפערענץ קאָמיטע, וואָס זאָל זיך צונויפקומען ווענינגסטענס 4 מאָל א יאָהר און דורכרעדען זיך וועגען פערשיעדענע פראַגען און מיטלען ווי צו דיענען די געמיינשאַפטליכע אינטערעסען פון די פעראינטערעסירטע אַרבייטער.

אַלע בעשליסע מוזען ווערען איינשטימיג אָנגענומען. אין אַנדערע ווערטער, די פערטרעטער פון איין יוניאָן קענען וועטאָאירען א בעשלוס.

אין שטעדט וואו בלויז איין אינטערנעשאָנעל האָט א לאָקאַל, מעג דער לאָקאַל אַריינגעהמען מעמבערס וואָס אַרבייטען אין די אַנדערע שניידער טריידס און געהערען צו די אַנדערע אינטערנעשאָנעלס.

יורידיקשאָן פראַגען זאָלען איבערגעגעבען ווערען צו א סוב־קאָמיטע, וועלכע זאָל זיך אַנשטרענגען צו שליכטען די סכסוכים אויף א פריעדליכען אופן.

ווען עס פּאַסירען סטרייקס אָדער לאָקאַוטס, זאָלען די מעמבערס פון אַנדערע יוניאָנס ניט פערנעהמען די פּלעצער פון די סטרייקערס.

די קאָנפערענץ קאָמיטע זאָל האָבען די מאַכט אויסצוברייטען איהרע פּפליכטען, ווען דער פּלאַן פון פעראייניגונג ווערט ראַטיפיצירט פון די דריי אינטערנעשאָנעלס.

טרעזשורער לעננאָן שלאָגט פאָר דעם פּלאַן אין דער האָפענונג, אַז די קאָנפערענצען און דיסקוסיאָנען וועלען ענטוויקלען די נויטיגע פריינדשאַפט און פערשטענדיגונג און ברייננגען דערצו, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערען איין גרויסע, מעכטיגע אינטערנעשאָנעל יוניאָן, וועלכע וועט גאַראַנטירען יעדען טהייל פון טרייד זעלבסט־רעגירונג וואָס וועט בעשיצען די אינטערעסען פון אַלע אַרבייטער.

---

און זי פון אויבען, האלטענדיג איהם פאר'ן נארנעל.

— איהר זעהט, איך וועל אייך דערשטיקען, אויב איהר וועט ניט אויפהערען אייערע מיאוס'ע שטיק. — און דערמיט האט זי איהם בעפרייט און געהאלטען זיך פאר די זייטען לאכענדיג:

— א, נו, ווי געפעלט אייך אזא סארט קוש?

שמאלער האט זיך אויפגעהויבען און אבגעשאקעלט די שטויב פון זיין אנצוג. ער איז געשטאנען א ווייל׳ע ווי פער׳שכור׳ט פון דיעזער העלדישער מיידעל. „זי זעהט גאר ניט אויס אזוי שטארק ווי זי איז", טראכט ער. „זי בעהאנדעלט אבער פיין. קיין רוצח׳שע קלעפ גיט זי ניט; מיט די נעגעל, ווי אנדערע פרויען, דראפעט זי אויך ניט". עס איז איהם געווארען אנגענעהם צו שטיפען מיט איהר, עס איז א פערגעניגען צו קריגען פון אזא מיידעל אפילו א טראסק אן דער ערד.

—עט אזוי בעהאנדעלט איהר א מענשען וואס ליעבט אייך!

— אה, איהר ליעבט מיך! איך זאג אייך, איהר האט נאך נוט אבגעשניטען. דאנקט נאט איך האב אייך ניט דערשטיקט.

— בעסער דערשטיקט צו ווערען פון אזא שעהנע, כוואטסקע מיידעל, איידער צו שטארבען דורך דעם מלאך המות. זאגט מיר, ווי הייסט איהר, מיין טהייערע?

— וואס האט עס צו אייך? איך הייס אייך אבטרעטען. געהט זיך אייער וועג און מאכט א גוטען לאקשען קוגעל.

—אויב איהר זאגט מיר ניט אייער נאמען און לאזט מיר ניט טהאן אייך א הארציגען קוש, טרעט איך פון אייך ניט אב אפילו ווען מען זאל מיך פון דאנען אוועקטראגען אין א ליילעך.

— האט ער געזאגט מיט א נאריש־איינגעקשנ׳טען טאן.

עס האבען זיך דא געהאט באגעגענט א פאאר מארנע עקשנים: זי, היטרע און א ריעז; ער — נאריש איינגעשפארט. זי, פון העכערען שטאנד, א קאלטע, א בערעכענטע; ער — מיט א שרעקליכער ליידענשאפט און דאך ווייכען פרויען פון זיינע ד׳ אמות. און דער געגענווארט פון דיעזער אנציהענדער פרוי, איז זיין ביסעל פערשטאנד אויך פערשוואונדען געווארען. ער האט זיך געפיהלט בעהערשט פון איין געדאנק: איהר ענדליך צו געווינען מיט רייד, אפילו ווען זי זאל איהם נובר זיין מיט

מיזישע מאכט. ער וועט איהר אזוי לאנג מאכען הנ׳דלאך, ביז זי וועט צו איהם ווייכער ווערען. אזא געזונדע, פרישע מיידעל און אזא ארט — ווי לאזט מען דאס אוועק אזא הימליטען גליק?

זי פון איהר זייט, האט געוואלט פון איהם פטור ווערען. זי האט זיך מיט איהר חתן הייגט אבענד ניט בעגעגענט. זי ווייסט ניט פארוואס ער האט ניט געהאלטען זיין ווארט. אבער אפילו ווען זי וואלט זיך פון איהר חתן געשיידט, אדער קיין חתן ניט געהאט, וואלט זי מיט א ווילד־פרעמדען ניט קאקעטירט. זי האט זיך אפילו ניט געגעבען קיין רעכענונג צי עס לוינט זיך א טראכט צו טהאן וועגען דעם דאזיגען יונגען מאן, וואס האט זיך דא צו איהר אזוי צוגעטשעפעט.

אבער ווי ווערט מען פון איהם פטור? זי וועט דאך איהם ניט דערשטיקען, ווי זי האט געסטראשעט. יע, איין זאך וואלט איהר יא געהאלפען פריי ווערען פון דיעזען פנגר־ע: מאכען א געוואלד, אז מענשען זאלען זיך צונויפלויפען. אבער דאס וועט איהר ארויסשלעפען אין אן עפענטליכען סקאנדאל און איהר נאמען וועט זיין אין די גאזעטען. און ווער ווייסט, ווי דאס קען איהר שאדען. חוץ דעם איז זי געווען צו שטאלץ צו רופען נאך הילף, ווען זי קען זיך אליין העלפען.

יע, זי האט א פלאן, טראכט זי, און א ברייטער שמייכעל האט זיך צונאסען אויף איהר פנים. געוויסע מעשיות וואס איהר חתן האט איהר דערצעהלט זייגען היגבנלאפען איהר מוח. „יע, זעהר גוט. זי וועט עס טהאן. אבער זי וועט איהם נאך אמאל ווארענען:

— ווילט איהר מאקע, הייסט עס, איך זאל אייך פשוט דערשטיקען, הא?

— איהר זיינט צו־גוט עס צו טהאן. אלע געזונטע, פרישע מיידלעך האבען גוטע הערצער און איהר זייגט זיכער אויך אזא. אויב איהר לאזט זיך ניט קושען, וועל איך זיך לאזען דערשטיקען. עס וועט ווערטה זיין. — און מיט דיעזע ווערטער איז ער ווידער געשטאנען ביי איהר זייט און ווידער געפרובט איהר ארומנעהמען.

— אזא אנטשעפעניש, מען קען דאך בלייבען אונטער אייערע הענד! — האט זי שוין מיט א ווייכערען טאן געזאגט, געבענדיג איהם א פאטש איבער'ן האנד, אז עס איז איהם פערגאנגען ביים הארץ פאר שמערץ — לאזען זיך

געזונדע, מיט פעך־שװארצע האאר און אויגען װי שװארצע קארשען — אן אמת'ער גליק. אבער אזוי גיך װי ער האט זיך מיט איהר פארטשעפעט, איז אויסגעװאקסען װי פון דר'ערד א מאן, א כװאט, און באלד הילכען אב פײערדיגע פעטש, אז עס פליהען אזש פונקען פון די אויגען. שמאלער איז דאן קוים מיט'ן לעבען אנטלאפען, און האט זיך איצט שוין גענומען די ביינער.

א גאנצען אבענד האט יאסעלע ארומגעשפאצירט און ענדליך גענומען ארויסגעהן פון פארק אן ענטוישטער, א פערצװײפעלטער. ביי יעדע עטליכע טריט האט ער טיעף אבגעזיפצט. ער האט זיך געפיהלט װי אבגענארט. זיין אייגען הארץ איז א ליגנער, האט ער זיך פארגעװארפען.

אבער נישקשה. האט ער זיך באלד גענומען טרייסטען. איז ניט היינט, איז מארגען. ניז יארק איז גרויס גענוג. „ינעתי ומצאתי". ער װעט אזוי לאנג זוכען, ביז זיין מיה װעט בעלוינט װערען.

יאסעלען איז אויסגעקומען צו פערקירעװען זיך אין א זייטיגע אללעע. ער איז געגאנגען מיט האסטיגע טריט, די אויגען צו דר'ערד אראבגעלאזט און פערטראכט. די מיידעלשע געלעכטער, װאס האבען זיך נאך אלץ געטראגען אין דער לופט, האבען איהם װי פער־שכור'ט. דער קאמפף, װאס האט אין זיינע בלוטען און נערװען געברויזט, האט איהם אין גאנצען בערױשט, און ער האט ניט בעמערקט א פרויען־פיגור נעהענדיג פאראויס, ביז ער איז שוין געװען גאנץ נאהענט.

זיין הארץ האט גענומען האסטיג קלאפען. איז זי א פרישע, א געזונדע? האט זי כאטש א שטיקעל חן? איז זי יונג? אפשר איז זי נאר א פערהייראטהע! אט דיעזע און אנדערע געדאנקען האבען א בליץ געטהאן אין זיין מח. ער האט אנגעהויבען געהן מיט שנעלערע טריט און זיך דערװייל פארז־כטיג ארומגעקוקט, אויב זי האט ניט ערגעץ װאו א מענערשען בעגלייטער. יאסעלע האט קוינעם ניט געזעהן און איז צו איהר פער'גנב'עטערהייט צוגעטראטען.

די עטליכע בליקען, װאס ער האט צייט געהאט צו װארפען אויף איהר, האבען איהם צו־פריערענגעשטעלט. יע, זי איז א פרישע, א געזונדע און א שעהנע.

— אזא שעהנע מיידעל. געהט דאס איינע אליין, ביינאכט אין פארק? — האט ער ראפטום אויסגעשריען, כדי איהר צו דערשרעקען.

זי האט זיך אבער גאר ניט דערשראקען און איז זיך רוהיג געגאנגען, אזוי װי ניט איהר מיינט מען.

— װאס האב איך דא מורא צו האבען? — האט זי מיט א האלבען שמייכעל און א קאלטען פערעכטליכען טאן אבגעפרעגט.

דער ענטפער האט יאסעלע'ן דרייסט געמאכט. א מיידעל װאס געהט אליין און האט ניט קיין מורא, און — א געזונדע און פרישע דערצו — א באשערטע זאך. זוי ער איז א איד געבוירען!

— איהר האט ניט קיין מורא, אז מענער װעלען אייך טשעפען?

— און אז טשעפען איז װאס? אויב איהר זיינט אזא סארט מאנספארשוין, טו פרופט נור מיך טשעפען, װעט איהר שוין האבען א גוטען סימן — האט זי שעלמיש געזאגט מיט א געלעכטער.

שמאלער האט זיך געפיהלט שטארק געריצט און איהר אנגעכאפט פאר דער האנד, אויסשרייענדיג מיט בעגייסטערונג:

— אט דערפאר גאקע האב איך אייך...

איידער ער האט צייט געהאט צו ענדיגען, האט ער געכאפט א פלעם אין אויער און זיין הוט איז אראבגעפלויגען אויף עטליכע טריט.

— איצט װעט איהר זיך מעהר ניט טשעפען, אי־א? — האט זי שטיפעריש געלאכט.

שמאלער האט אויפגעהויבען און צוריק אנגעטהאן זיין הוט. „א כװאטסקע מיידעל", האט ער געטראכט און עס האט איהם נאך שטארקער צו איהר געצויגען.

— האלט זיך פון דערװײטענס! — האט זי איהם געװארענט, װען זי האט געזעהן, אז ער דערנעהנטערט זיך װייטער צו איהר. ניט איך קען אייך, ניט איך װייס אייך און ניט איך װיל אייך קענען.

די װערטער האבען אויף שמאלער'ן קיין שום איינדרוק ניט געמאכט. װי א קליין קינד שטרעקט אויס דאס הענטעל צום פייער, ניט װיסענדיג װאס דער מוטער'ס װארנונג בעטייט, אזוי איז שמאלער גלייך װידער געװען ביי איהר זייט.

— לאזט מיר אייך נור איין קוש טהאן; אי, װי גליקליך איך װאלט געװען! — און שמאלער האט צערטליך ארומגענומען איהר טאליע און געװאלט אויספיהרען זיין װאונש.

אבער באלד איז ער געלעגן אויף דער ערד

# ענדערען זיך די סיזאָנס אין קלאָוק טרייד?

האָט די איצטיגע צורודערטע וועלט א שייכות מיט דער קלאָוק־טרייד, אָדער איז דאָס די איביגע צרה — די ענדערונגען אין די מאָדעס? שלעזינגער'ס לאָגישע ערקלערונג.

פון א. ר.

קען עס זיין אז דער צושטאַנד אין קלאָוק־טרייד האָט א שייכות מיט דער איצטיגער צורודערטער וועלט?

אז מען וויל זיין א שטיקעל פילאָזאָף, קען מען זאָגען אז יע. אין דעם זינן, אז די גאַנצע וועלט איז איין משפחה. ליגט אין דעם א שטיקעל אמת.

אָט איז לעצטען פאָלל־סיזאָן נאָר קיין „ביזי ביי קלאָוקס" ניט געווען, הגם מאַנופעקטשורערס אליין זאָגען, אז זיי האָבען געהאַט א גוטען סיזאָן. מאַנכע מענשען דיינקען, אז עס וועט שוין פון היינט אָן און ווייטער קיין „ביזי ביי קלאָוקס" אין די פאָלל סיזאָנס ניט זיין. שוין 3־4 יאָהר ווי קלאָוקמאַכער נאַרען זיך אין די האָפענונגען. דאָס רעדעל האָט זיך איבערגעדרעהט, זאָגען זיי. גוטע פאָלל סיזאָנס — פאַרגעסט! מהיום והלאה וועלען מיר האָבען גוטע ספרינג סיזאָנס. א סימן — אָט איז דאָך פאַראַ־יאָהרען געווען א ברענענדיגע „ביזי" אין ספרינג סיזאָן! עס איז געקומען די צייט, זאָגען אונז דיעזע נביאים, אז די יוניאָן זאָל געהמען רעכענען זיך מיט דיעזען פאַקט און פאַרברייטען דעם עולם פאַר'ן ספרינג סיזאָן.

אויסהערענדיג אזעלכע ווערטער, ווערט מען נבהל ומשתומם. סטייטש, דאָס איז דאָך ממש א רעוואָלוציאָן אין דער אינדוסטרי! עס פרעגט זיך: איז דער וואָס האָט אזא מיינונג א נביא, א נאַר, א שטערען־זעהר, אָדער, אז „מען קלינגט איז א חגי"? לאָמיר אַקאָרשט זעהן צי קען אין דיעזער משונה'דיגער מיינונג זיין א שטיקעלע אמת.

אז מען וויל קען מען זאָגען, אז מיר לעבען איצט אין א צורודערטע וועלט. צוליעב דער מלחמה געהט אלץ הודראָם — אפילו פרינציפען, טיעף־איינגעפלאַנצטע איבערצייגונגען, מענשליכע געפיהלען, געוואוינהייטען און מאָדעס. אז פרויען געהען מיט אָפענע העלזער א גאַנצען ווינטער און פיהלען ניט קאַלט, קענען זיי דאָך פאַראייניגטס טראָגען ספרינג קליידער אין די גרעסטע פראָסט!

אָט למשל זעהן מיר בעשיינפערליך, אז נאַציאָנען געהן אונטער. וועניגסטענס געפינען זיך איצט צוויי קעניגע מיט קרוינען און טראָהנען, אָבער אָהן לענדער און אָהן פאַלאַצען — דער קעניג פון בעלגיען און דער קעניג פון סערביען. ווי זאָגט דאָרט בערנאַרד שאָו, דער בעריהמטער ליטעראַט און דראַמאַטורג: „דייטשלאַנד האָט אַבגעווישט איראָפאַ פון דער איראָפעאישער לאַנד־קאַרטע".

דער טערק — דער „קראַנקער מאַן פון איראָפאַ" — האָט איינגענומען א סעריעזע — דייטשע האַרמאַטען און אָפיצירען און האָט זיך איצט ווידער אויף די פיס געשטעלט. די זון פון דער רייכער, מעכטיגער ענגלאַנד געהט אונטער. אזוי זאָגען די דייטשע נביאים. דער רום וועט ענדליך ארויסגעטריבען ווערען פון איראָפאַ. די געלע ראַססען פון יאַפאַן און כינא און עהנליכע פעלקער, וואָס זיינען געווען נור האַלב־ציוויליזירט, ערהויבען זיך. אמעריקא, די פרייע, גאָלדענע מדינה, צי טאַקע אוים מורא פאַר דייטשלאַנד און יאַפאַן, אָדער אוים פשוט'ע קאַפּיטאַליסטישע געלד־זוכט, הויבט ביסלעכווייז אָן אריינלאָזען זיך אינ'ם איראָפעאישען מיליטאַריזם. רייכע מענשען אין איראָפעאישע לענדער זיינען אָרים געוואָרען און אָרימע זיינען רייך געוואָרען. אומעדום וואָרענט מען דאָס פאָלק צו זיין עקאָנאָמיש און שפּאָרזאַם. אלע לוקסוס־זאַכען געהן לחלוטין אונטער. די לוקסוס־פאַבריקאַנטען זיינען פשוט געגאַנגען באַנקראָט, ווייל אפילו די רייכע אין איראָפאַ האָבען וועניג געברויך פאַר אַרטיקלען וואָס מען קען זיך בעגעהן אָהן זיי.

אויב עס איז אמת, אז צוליעב דער קאָכעניש ווענען „פּריפּערעדנעס" האָט דיעזער צושטאַנד אויך דערגרייכט צו אונז נאָך אמעריקא; אויב אונזערע פרויען זיינען געוואָרען עקאָנאָמיש און טראָגען ווינטער די קליידער וואָס מען מאַכט אין ספרינג סיזאָן — דאַן קען די בעהויפּטונג זיין אמת, אז די קלאָוק טרייד האָט געביטען די יוצרות און דער ספרינג סיזאָן איז נאָ־

קושען פון א פרעמדען! האסטו געהערט! וואס איז, איהר האט מיר אזוי שעהן גע'דרש'ענט! לאזען זיך קושען ווען איך האב אייך ניט ליעב! פאר וואס פאר א סארט מיידעל רעכענט איהר מיך?

— טו האט מיך ליעב, וועל איך אייך דרשה'נען. אט קומט, מיר וועלען געהן צו א פארשטעלונג, אדער וואו איהר ווילט אליין — האט יאסעלע געזאגט מיט פרייד אין זיין שטימע. זעהענדיג אז זי ווערט ווייכער. אט באלד וועט ער האבען דעם פעסטונג איינגענומען און די העלדישע מיידעל געוואונען, טראכט ער און — יא, וואס פאר א געווינס! ער איז געווארען שטארקער ביי זיך יעדע מינוט.

— איהר האט מיך שוין אזוי פערמאטערט מיט אייער אונזינן, אז איך וויל שוין עפעס נעהמען אין מויל. האט איהר געלד פאר סאפפער?

— אך, מיט דעם מיעסטען פערגעניגען, מיין ליבינקע — האט שמאלער איהר בענייסטערט נעדריקט די האנד און ארויסגעצויגען אייניגע ס'דאלארדיגע פון קעשענע — איהר זעהט! אבער וואו וועלען מיר געהן?

— יע, איך ווייס וואו צו געהן: אין קאפע באזאר. דארט קען מען זיך דערקוויקען דאס הארץ מיט גוטע שפייזען און געטראנקע. טרינקט איהר ווין?

—ניט זעהר אפט. אבער ווארום פרעגט איהר?

— א מאן וואס טרינקט ניט קיין ווין, קען ניט היים ליעבען.

— אך, איהר זיינט אליין גוטער ווין. אט לאזט מיך אייך געבען א קוש און פערזוכען טעם גן־עדן ווין.

— ניין, האט זי איהם אבגעשטופט. פריהער עפעס נעהמען אין מויל. נאך א גלאז ווין קושט זיך מיט א בעסערען געשמאק.

זי האט איהם געפיהרט און ער איז געגאנגען ווי א שאף צום שוחט, פלוידערענדיג וועגען פוסטע זאכען, ביז זיי זיינען געקומען אין קאפע באזאר.

דער פלאץ, וואס איז ניט ווייט פון סענטראל פארק, איז א זעהר אריסטאקראטישער. אז זי ווייסט פון אזעלכע ערטער, איז זי דאך מן הסתם פון הויכען שטאנד, האט שמאלער גע־טראכט. ער האט זיך געפיהלט אויפ'ן זיבעטען הימעל פון גליק מיט זיין „איינגענומענע פעסטונג".

זי האט בעשטעלט דעם סאפער און שאמפאניער און ציגארען. ביים עסען האבען זיי ליעבהארציג געקוקט איינער צום צווייטען. זי האט איהם אנגעגאסען א גלאז ווין, [illegible] וועלענדיג ווייזען, אז ער קען היים ליעבען, האט ער אויסגעטרונקען ביז'ן דעק. זי האט איהם אנגעגאסען א צווייטע גלאז און א דריטע.

יאסעלע האט אזא ווין קיינמאל אין זיין לעבען ניט פערזוכט. און ווען ער האט פערויכערט א ציגאר איז ער געווארען גאר צודרעהט.

ווען דער וועיטער איז צוגעקומען האט זי איהם געהייסען בעשטעלען א טעקסי.

— וואו וועלען מיר פאהרען נאך סאפער, טהייערע? צו אייך א היים, אריא? גיט־זשע מיר טאקע אייער אדרעס. און קושען וועט מען זיך, אי, אי! — האט זי איהם פערזיכערט מיט איהר שעלמישען שמייכעל.

שמאלער האט געשטאמעלט, אז ער האט איהר ליעב ווי דעם לעבען און האט בעצאהלט דעם ביל — סך הכל 15 דאלאר מיט קליינגעלד. א טהייערער ביסען טאקע, אבער די „איינגענומענע פעסטונג" — אזא געזונטע, פרישע מיידעל...

דער איבערגליקליכער שמאלער איז געווארען אלע מאל פרעהליכער. דער קאפ האב איהם נעדרעהט, די צונג האט זיך געוואקעלט און ער האט געפלאפעלט נארישקייטען. זי האט מיט גרויסע שוועריגקייטען דערגאנגען פון איהם זיין נאמען און אדרעס. ענדליך איז ער געווארען אין גאנצען תם'עוואטע.

אין א ווייל ארום האט די טעקסי איהם געבראכט ערגיץ אויף דער 110טער גאס, אין א לאנגע אז איין גאט זאל אויסהיטען.

# פרעהליכע בילדער ווילט איהר?

(אן אלטע מעשה וואס איז אייביג ניי).

פון אב. באראף*)

איהר פרעגט מיך, ווארום קלאג איך? פארוואס מאהל איך שווארצע, שרעקליכע בילדער פונ'ם ארבייטער'ס לעבען? צו וואס שיט איך זאלץ אויף די וואונדען? איז דען די וועלט ווירקליך נור אנגעפילט מיט צרות און שמערצען?

און איך זיץ ביים שרייב־טיש און קלעהר: א טהעמא א לעבעדיגע, מיט גליקליכע צופריעדענע מענשען זוך איך.

אבער בלויז ווי אונטער א שווארצען פארהאנג זעה איך וואו נים וואו א פרעהליכען, א צופריעדענעם. אין דער ווירקליכקייט שווימען פאר מיינע אויגען בילדער פון יסורים, פון צרות, פון לייד.

א גרויסע ברייטע פעלד שפרייט זיך אויס פאר מיר. די זון האט זיך בעהאלטען הינטער די הויכע בערג. די נאכט איז א שטילע. א ווינטעלע בלאזט און ברייננט ערלייכטערונג נאך דעם ברענענדען, זוהיגען טאג. און אין דער פינסטערניש צוטראגט זיך א וועה־געשריי, א הארץ־רייסענדער קרעכצען און יאכצען פון גוסס'ע.

טייכען מענשען־בלוט זעה איך פליסען. בערג מיט הרוגים, צוריסענע קערפערס, קופעס מיט שרעקליך־פערוואונדעטע, געשרייען פון די גוסס'ע פיהלט אן די לופט מיט א שרעקליכען יאמער.

דאס איז די ארבייט פון די מאדערנע מארד־אינסטרומענטען. אין מלחמה האבען זיי געציינט וואס פאר א געוואלדיגען פראגרעס אונזער ציוויליזירטע מענשהייט האט געמאכט.

און איהר ווילט פרעהליכע בילדער!

אין מיין פאנטאזיע עפענען זיך פאר מיר די טויערען פון די פעקטארים, וואו טויזענדער ארבייטער מיט איינגעבויגענע רוקענס, מיט ביטערען שווייס, צובראכענע, אויסגעמוטשעטע.

סקעלעטען זעה איך. זיי צאפלען זיך. יאגען פון זיך ארויס די לעצטע ביסעל כחות. און וואס ווילען זיי? ברויט פאר ווייב און קינדערלאך. און איהר ווילט אז פרעהליכעס זאל איך אייך שרייבען!

קליינינקע, אונשולדיגע קינדערלאך, בלאסינקע, שוואכינקע, קערפערלאך נאך נים ענטוויקעלט, ווייסען שוין דעם יאך פון פרנסה. איך זעה זיי אין די פריהמארגענס ווי זיי שלעפען זיך; קוים וואס זיי בעוועגען זיך, פערשלאפענע, מיעדע פון דער ארבייט.

און איהר ווילט איך זאל אייך דערצעהלען פון צופריעדענע, גליקליכע!

טויזענדע טיף אונטער דער ערד, אין שטיקענדער שעדליכער אטמאספערע, זייענדיג אין געפאהר פערשאטען צו ווערען לעבעדיגערהייד; לעמפלאך צוגעשרויפט צום שטערן, מיט דעם רוקען איינגעשפאנט צו טאטשקעס — אזוי ווי קאטארושניקעס שלעפען זיי מיט איבערמענשליכע כחות, אין דרייען געבויגען, די שווערע משא.

זיי הארעווען, ווערען פערשווארצט, גערויבט פון דער ליכט פון דער זון ליגען זיי דארט און פערזארגען די וועלט מיט ליכט, מיט פייער, מיט אלעם וואס מאכט דאס לעבען אנגענעהם.

קוילען גראבען זיי פאר אלעמען, און פאר זיך — קברים.

און איהר ווילט איך זאל אייך לעבעדיגעס מאהלען!

איך זעה רייכע וואוינונגען — פאלאצען ארומגערינגעלט מיט גערטנער און סעדער שטעהען געשלאסען. לעדיג א גאנצען זומער, אין דער צייט ווען טויזענדער שטיקען זיך אין ענגע, לופטלאזע הייזער. דער געזאנג פון די פויגעל געהט פערלארען אין די ארומגעצאמטע סעדער; די פרוכט פערוועלקט אויף די בוימער; די גראז פערוויאנעט; די בלומען בליהען, אבער ברייננען קיין נוצען פאר קיינעם. אין דער צייט ווען טויזענדער אויערען שמאכטען פאר א זיסען קלאנג; ווען טויזענדער לונגען ווערען אויסגעצעהרט אים מאנגעל אין פרישע לופט און ריח פון בלומען און גראזען. און טויזענדער הערצער וואלטען זיך דערקוויקען, מחיה זיין מיט א פרי.

און איהר ווילט איך זאל פאר אייך מאהלען פרעהליכע בילדער!

*) ארויסגענומען פון זיין זאמעל־בוך.

וואָרען וויכטיגער ווי דער פאַלל סיזאָן. איז דאָס אָבער אמת?

דער פאַקט איז, אז דיעזער צושטאַנד האָט נאָך ניט דערגרייכט אהערצו. אונזערע מיידלאַך און ווייבלאַך האָבען נאָך אַלץ זייער „אי שור וואָררי“ געוועהנהייט. זיי ווייסען, דאַכט זיך, גאָרנישט, אז ערגיץ אין דער וועלט געהט אָן א שרעקליכע מלחמה. די מאַסטע פרויען האָט גאָרנישט צו זאָגען וועגען די מאָדעס. זי קומט צום גרייטען. די מייסטע פרויען קויפען יעדע משונעת וואָס פאַלט איין דעם מאַנופעקטשורער אָדער דעזיינער אין קאָפּ.

## פּרעזידענט שלעזינגער'ס מיינונג איז בעסער בעגרינדעט.

איצט איז טאַקע די גאַנצע וועלט שרעקליך צורודערט, אָבער דער לעצטער פאַלל סיזאָן איז ניט געווען שלעכט פאַר די ארבייטער, דערפאַר, וואָס פּיליכט פּיקעט זיך אויס פון איי עפּיס א נייער וועלט־געדאַנק. גיכער איז דאָס די אַלטע צרה — קאָנקורענץ און פּראָפּיטען.

די גאַנצע סטייל פראַגע, אָט ווי פערפּלאָנטערט זי זאָל ניט זיין, ווערט זי אָבער רעגירט, ניט פון דעם פרויען־פערלאַנג צו געהן שעהן געקליידעט, נור פון דעם פערלאַנג פון דעם ביזנעס־שפּעקולאַנט. עס איז וואָס מען רופט אין ענגליש א „קרעיז“, אן אנשטעקענדע גייסטיגע חולאת, אָדער אן אינסטינקט, וואָס שטאַמט נאָך פון דער אַפּע. מענשען ווילען נאָכטאַנצען, אָדער נאָכקרימען יענער פרוי איבערהויפּט ווען „יענע פרוי“ שטעהט אויף א העכערען שטאַפּעל פון דעם געזעלשאַפטליכען לייטער. און אָט דאָס טאַקע איז געווען די צרה לעצטען פאַלל סיזאָן.

פּרעזידענט שלעזינגער'ס מיינונג אין „פאָרווערטס“ פון זונטאַג, דעם 26טען דעצעמבער, שיינט צו זיין אונבעשטרייטבאַר. אָט וואָס שלעזינגער זאָגט:

דער שמן איז געווען דער נייער סטייל פון צורימען די קלאָוקס מיט „פאָר“. דער ניט־פאָבטאַן קען די זאַך ניט פערשטעהן, — אזא קלייניגקייט ווי אן ענדערונג אין די „טרימינג“ זאָל רואינירען א גאַנצען סיזאָן פאַר 60 טויזענד ארבייטער. אָבער עס איז פּונקט אזוי דער פאַל. די „פאָר קאָפּס“, די „פאָר קאָלערס“ און די „פאָר עדזשינגס“ האָבען אויסקעגנומען א דריטעל ארבייט פון די אָפּערייטאָרס. היינט איז א גרויסער מחויל פון די קלאָוקס געווען פּלאַשענע, וועלוועטענע און פון זעלור. אויף אזעלכע וואָרע האָט דער אָפּערייטאָר גיט ניט צו טאָן. די שטעך אין דיעזע סאָרטען וואָרע זעהען זיך פּיזוויזשוי ניט אָן. היינט צו וואָס זאָל מען אין ווי אזוינעקהען „פענסי“ דרוידלאַך, „דעזיינס“, און צו וואָס זאָל מען אין אַלעמיין זיין „פּריטיקעלע“ מיט די גענעת? אזעלכע ארבייט נעהט מען ווי עס לאָזט זיך; מען רייבט אויף וואָס די וועלט שטעהט. די וואָרע אליין איז דער סטייל.

דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם פיניש. די הויפּט ארבייט פון דעם פינישער אין די טיטעלע „ליין“ ארבייט איז אונטערצוכייסטען דעם „לייניגג“ און נאָכהער איהם „ארומפעלען“. און אין פּלאַשענע און „זועלוועטענע“ סחורה קען דער אָפּערייטאָר אליין די „לייניגג“ אויסנעהען. מען דאַרף אויף דעם קיין ביזסטער ניט.

אין אמת'ן זיינען די „פאָר טרימינגס“ מיט די גאַנצע „זיעבען זאַכען“ נאָר ניט אזוי שעהן, סיידען פּיליכט די בעסטע און ניט די נאָכגעקרימטע. די מייסטע „פאָר“ קומט פון סיביר און צוליעב דער מלחמה האָט מען דיעזע סחורה זעהר וועניג אימפּאָרטירט פון רוסלאַנד. „פאָר“ איז געווען בראַנד טהייער. די פּאַריערס (ניט די ארבייטער מיין איך) זיינען פּשוט רייך געוואָרען. אָבער די „פאָר“־קעלנער אויף די טיטעלע אָדער ביליגע ליין קלאָוקס זעהן אויס העסליך. קוקט מיט ריכטיגע אויגען, מוזט איהר גלייך פרעגען: וואָרום זאָלען שעהנע, רייצענדע פרויען פערדאַרבען דעם חן פון זייערע העלדזער און זייער גאַנצען געשטאַלט מיט אזעלכע קריכינע, האָאָרינע לאַפּענס?

דער תירוץ איז: די מאַנופעקטשורערס האָבען אזוי געוואָלט, אום צו קענען קאָנקורירען, אריינכאַפּען א סך ביזנעס און מאַכען גרויסע פּראָפיטען. די דעזיינערס האָבען געבראַכען די קעפּ אום ארויסצובריינגען עפּיס משונה־דיגעס. די פרויען באַפען אָט דיעזע קליידער ווי מצה־וואַסער און — די מאַנופעקטשורערס האָבען געהאַט א גאָלדענעם סיזאָן, בשעת די ארבייטער האָבען געהאַט „קדחות מיט כשר'ע פּאָרים“.

מיר קענען דערפון לערנען אָט וואָס:

ווען די מלאכה איז וועניג און די באַנדעלס א סך, דאַרף מען זעהן אויסגעפינען א וועג, אז די ארבייטער זאָלען אויך עפּיס געניסען דערפון. זאָל ניט די גאַנצע ברכה פאַלען אויף דעם מאַנופעקטשורער'ס קאָפּ. עס איז גאָר ניט שווער צו פערזאָרגען אזא זאַך אין פאָראויס. מיר האָבען די אַלטע רפואה דערצו: איינינקייט, האַרמאָני, צוטרויען צו דער יוניאָן און צו די בעאַמטע — אָט דאָס דאַרף לעזען אפילו אזא פערפּלאָנטערטע פראַגע.

# איינינע ציפערען וועגען דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל

(ענטנומען פון דעם לעצטען יעהרליכען רעפארט)

דעם זומער פון 1914 האט די „יונייטעד סטייטס פאבליק העלטה סירוויס", אין פערבינדונג מיט דער מעדיצינישער אבטיילונג פון דער באארד, אונטערזוכט קערפערליך איבער 3000 ארבייטער. כך הכל זיינען אונטערזוכט געווארען די פאלגענדע צאהל פערזאנען אין פאלגענדע יאהרען:

אין 1912 — 800; אין 1913 — 1234; אין 1914 — 4547; אין 1915 (ביז 1טען אקטאבער) — 3807. די צאהל שווינדזיכטיגע אין די דערמאהנטע יאהרען זיינען געוועזען 13, 71, 93 און 43.

די צאהל קראנקע מעמבערס פאר לאקאל 35, וואס די באארד האט אונטערזוכט, איז געוועזען: אין 1914 — 326; אין 1915 — 647.

אין 1915 האט די באארד אונטערזוכט און געהאט אונטער איהר אויפזיכט 22 שווינדזיכטיגע מעמבערס פון די לאקאלס 35, 9 און 23.

## ערשטע הילף אין אונגליקס־צופעלע.

אין פערלויף פון 1915 האט די אינדוסטריעלע באארד פון דעם סטייט לייבאר דעפארטמענט אנגענומען א רול, אז „אין יעדע פאבריק וואס בעשעפטיגט מעהר פון 10 פערזאן, וואו די מאשינערי ווערט געטריבען פון עלעקטרישע אדער אנדער קראפט, מוז זיך געפינען א קעסטעל געוויסע מעדיצינען, אום צו פערזארגען פריי מיט די נויטיגסטע ערשטע הילף אזעלכע ארבייטער, מיט וועלכע עס פאסירט אן אונגליקס צופאל, און אז עס זאל אויך בעשעפטיגט ווערען א דאקטאר אדער א „נוירס", וועלכע זאל אונטעררינטען די ארבייטער ווי זיך צו בעגעהן מיט דיעזע מעדיצינען.

בדי מאנופעקטשורערס, וואס זיינען אונטער דער אויפזיכט פון דער סאניטאר באארד, זאלען קענען אבהיטען דיעזע רולס און רעגולײשאנס, האט די באארד צוזאמענגעשטעלט א קעסטעל מעדיצינען, וואס זיינען ספעציעל פאסענד פאר די נאדעל טריידס. זי האט געלאזט מאכען 500 אזעלכע קעסטעלעך און אנגעפיהלט זיי מיט די נויטיגע מעדיצינען. זי פערקויפט זיי צו מאנופעקטשורערס פאר קאסט פרייז.

די דרעס און ווייסט מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן האט אויך איינגעווילינגט צו צאהלען פאר א געניטע „נוירס", וועלכע ווערט אנ־געשטעלט פון דער סאניטאר באארד און איז אונטער דער אויפזיכט פון דעם „נוירסעס סעטעלמענט" אין 265 הענרי סטריט. די נוירס בעזוכט די שעפער איינמאל א מאנאט, ווייזט געוויסע פעראנטווארטליכע ארבייטער ווי זיך צו בעגעהן מיט די ערשטע הילף מעדיצינען, אונטערזוכט די געזונדהייטס צושטענדע פון די פרויען־ארבייטער און גיט זיי יעדען נויטיגען ראטה.

## פינאנצען פון דער סאניטאר באארד.

די קאסטען פון דער סאניטאר באארד, פאר סאניטאציע, פייער־שוץ און אויפקלעהרונג, זיינען 15 טויזענד דאלאר א יאהר. די יעהרליכע הכנסה איז ווי פאלגט:

| | |
|---|---|
| קלאוק מאנופעקטשורערס אסס'ן - - | $5,000 |
| דזשאינט באארד, קלאוקמאכער יוניאן | 5,000 |
| ווייסט מאנופעקטשורערס אסס'ן - - | 2,500 |
| ווייסט און דרעסמאכער יוניאן - - | 2,500 |

די „פייער דריל" אבטיילונג האט בעזונדערע רעכענונגען. די מאנופעקטשורערס צאהלען דער באארד פאר דיעזען דיענסט ספעציעל. די ארבייט ווערט געפיהרט קאאפעראטיוו און עס ווערט די מאנופעקטשורערס גערעכענט קאסט פרייז. אין 1914 האט געקאסט אבצוהאלטען „פייער דרילס" אין יעדען שאפ פון 18 ביז 30 דאלאר. איצט קאסט ניט מעהר ווי פון 12 ביז 18 דאלאר. אין דעצעמבער 1914 איז צוריקגעצאהלט געווארען די מאנופעקטשורערס 10 פראצענט און פאר 1915 וועט צוריקגעצאהלט ווערען אן עהנליכע סומע. כך הכל קאסט דער „פייער דריל" אן ערך $4.500 א יאהר.

די מעדיצינישע אבטהיילונג ווערט אויפגעהאלטען פון די לאקאלס 35, 9 און 23 פון דער אינטערנעשאנעל און קאסט אן ערך $3.600.

כדי ריכטיג אבצושאצען די ארבייט פון דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, איז כדאי צו וויסען, אז 2391 קלאוק און ווייסט שעפער געפינען זיך אין 928 בילדינגס. אין יאהר 1915 האבען אין זיי געארבייט 75023 ארבייטער, און בלויז 32 בילדינגס ווערען בעטראכט אלס פאלשטענדיג געזיכערט פון פייער.